אורי צבי גרינבערג

# מעפיסטא

פאַרלאַג „דאָס בוך" לעמבערג

אורי צבי גרינבערג: מעפּיסטאָ.

פֿאַרלאַג „דאָס בוך“ לעמבּערג
תרפ״א — 1921

104

אַלע רעכט געהערן דעם פֿאַרלאַג.

געדרוקט אין דער בוכדרוקעריי „פּרעצאַ״
לעמבערג בערנשטיינאַ 17.

געטער שטאַרבן, פֿעלקער גייען אויס.
ס׳פֿאַלן אָפּ אין תהום די העכסטע בערג.
פֿרוכפּערדיגע גערטן ווערן סטעפּעס —
אָבער מעפֿיסטאָפֿעל לעבט און לאַכט פֿון אַלע דאַרווינס!
און אין יעדן קלענסטן שטיק פֿון וועלט איז ער בגלגול.
און ער הענגט אין ווייסטע זקנים־וועלדער׳ס האַרצן אויף
דעם בישופֿדיגן שטערן פֿון פֿאַרפֿירונג: פֿרויען־ליבע.

גלאַנצט דער שטערן, ציט דאָס אויג צו ווייטע אומגליק־וועלטן.
איז אַ ים פֿאַרהאַן — (ס׳קאָן שאַדן: עמיץ קאָן נאָך צוריקגיין!)
ליגט מעפֿיסטאָ שפּינוועבס־בריקן איבער ים און אָפּגרונט;
גייען יונגע,
גייען אַלטע,
און די בריקן פֿאַלן —
און דעם אוי פֿון פֿאַלנדיגע הערט נישט מעהר דער הימל,
ווייל מעפֿיסטאָס כאַכאַכאַ קלינגט אין אַלע וועלטן!

(אַזוי האָב איך מיר אָפּגעפּאַסט די תורה און איך לערן...)

און הײַנט די גרויסע מלכות־שטאָט פֿון ליבשאַפֿט, שטייט אין פֿײַער
און אין סאַמע הויכקייט שטייט מעפֿיסטאָ טויזנט־אויגיג,
זינגט זיין טויזנט־קולות׳דיגען הערצער־פֿאַנגער־ניגון,
און פֿרייען זיך פֿון אַלע עקן וועלט מיליאָנען טויבן —
חלומ׳דיגע, ניגון־אָנגעהייליגטע נשמות,
וואָס האָבן אַלע ווערטער און באַגריפֿן שוין פֿאַרגעסן
און האָבן בלויז אין זיך דאָס איינע ברומענדיגע וואָרט נאָך:
פֿרויענליבע. — —

פֿליען זיי אַרום דאָרט, ווי פֿאַרווירטע שמעטערלינגן.
קיילעכדיג אַרום דעם פֿלאַם און סמאַלען אָפּ די פֿליגלען —
פֿאַלן זיי —
מעפֿיסטאָ זינגט דער ליבשאַפֿט׳ס שיר־השירים.
און אין פֿלאַקער־פֿײַער שטייט אַ טויזנט־אויגיג גליקשטיק.

לויפֿן אין די נאָכגעלאָזטע וועלט־פֿאַרלוירן־ניגערס:
ס'גורל פּנים מענטשן... און זיי ברומען מילא, מילא:
ס'אַ באַשערטע זאַך אַזוי שוין; תמיד קאָפּ־אַראָפּ־נאַר!
און זיי גייען ווײַטער, ווײַטער
תמיד קאָפּ אַראָפּ נאַר — —

אָבער מיר, די וואָגלענדיקע וועלטן'ס־לידער־געבער,
רופֿן יענעם פּיסל־אונטערשטעלער: מעפּיסטאָפֿל!
און מיר זאָגן סתם: אַהאַ. וואו צוויי—איז ער דער דריטער.
ווילן זיך צוזאַמענגיסן הערצער צוויי אין ליבשאַפֿט,
קומט ער אָן בגלגול אין אַ ווערימל און זעצט זיך
סאַמע מיט אין הערצער טיפֿקייט, טאַטשעט, נאָגט און צייכנט
פֿאַר אַ יעדן גליק־געדאַנק אַ קאַלטן פֿראַגע־צייכן — —

און גובר איז מעפֿיסטאָ תמיד! צווייפֿלסט, צווייפֿלסט אייביק!
לאָזסט די ווײַנשטעק'ס טרויבען פּלאַצן, ס'רינט דער ווײַן אין דראָזאָפּ,
און דו גייסט זוכן וואַסער־קוואַלן אין סאַהאַראַ'ס זאַמדן...
גלייבסט אפילו נישט דער ווײַסער כלה'ס הייליק צאַפּלען,
שנײַדסט זי אויף די אָדערן בײַנאַכט און בלוט רינט, בלוט רינט, — — —
דו וואו ביזט?
בײַ זונות ביזטו!
יונגער הפקר־גייער — —
ס'הייסט אַזוי מעפֿיסטאָ דײַנע יונגע נעכט פֿאַרלירן.

ביי מיר, למשל, האָט מעפֿיסטאָ אויסגעטאָנט דאָס המצית
פֿון אַ ייִדן פֿרויען־כּישוף און פֿון נאָר דער ליבשאַפֿט —
ר׳האָט צו מיר מיט קדוש־ציטערניש גערעדט: הבלים!
קעהר די שענסטע באַקן איבער — זעהסטו ס׳פֿלייש דאָס הויט...
בלאָע אויגן? — — האַ, דער הימעל איז דאָך בלאָער, טיפֿער!
האָר ווי גאָלד און האָר ווי סאַמעט... וואָס איז גאָלד און סאַמעט?!
די ביזט דיכטער, גרויס דיין ים־זעל, וואָס איז פּ־זי? אַן אינזל,
אין דעם גרויסן בלאָען ים פֿון דיין פֿאַרחלומט לעבן.
און געשמאַק איז דאָך פֿאַרהאַן אין ווינקל פֿון פֿאַרפֿילונג!
און דער בלומען־רויט איז שיכור׳דיגער פֿון דער ליבע!
און דאָס שיר־השירים־ליד איז זיסער פֿון שולמית!

ליבע,
פֿרויען —
הכל הבל...
יחיד איז דער עיקר!

בין איך מיר געוואָרן אַ מתבודד, אַזאַ שווייגער,
זיץ איך צווישן ספֿרים־הויפֿנס, לערן שבע חכמות,
און באַוואונדער מאָרגן־רויטקייט און פֿאַרנאַכטן־גינגאָלד,
זיץ איך האַלבע נעכט צוכראַסטעט, רייכער ציגאַרעטן
און מעפֿיסטאָ זיצט אין מויל און ציט אין זיך דעם רויך איין.

אין כ'הער אַ מאָל אַ שלוכצנדיגס אַרויס פֿון יעדן פֿרייד־קלאַנג;
און כ'פֿיהל אַרוים אַ טרויער־אָטעם פֿון אַ יעדן גלאַנץ־שטיק.
אין די ווייכע מיידל־שויסן שפּילן די גיטאַרעס,
ווילד־פֿאַרליבטע דאַלמאַטינער, ווײַן־באַרוישטע, האָפּקען;
רוישן ווי די טענענבוימער, שרייען: אוך! און זינגען;
און די אויגן בליצן די רובינען פֿון דער תאווה.
טרעפֿט זיך דעמולט: איינער שלייכט פֿאַרשאָטענט צו אַ ווינקל,
הערט זיך צו: ס'איז עמיין דאָ אַ פֿרעמדער פידל־שפּילער,
דאַר דער גוף, אַ הערינער־שפּראָך, און שוואַרצן טיול פּאַ־הוילן;
זעהט נישט קיינער, הערט נישט קיינער פֿוגם פֿרייד־געזעמל,
ווי דער עמיין שפּילט זיך אויף דער סטרונע G צעצויגן,
אַזאַ סודי־סודות'דיגן האַרבן גרוילן־ניגון — —
ציט דער ניגון דין און דינער, ציט אַדורך דעם בלוט־לויף,
און ס'קריכט אַ האָריג לעבעדיגס אַרום אין חוט־השדרה —
אָט אַראָפּ און אָט אַרויף און לאָזט די אַקסלען צוקן — —
קומט די כלה, מלא־ליבשאַפֿט, דאָרט אין יענעם ווינקל,
קושט דעם אײַנגעקנייטשטן ישטערן: קום, מיין שיינער, טאַנצן!
נייט דער בחור,
דרייט און ראָד זיך,
די גיטאַרעס שפּילן;
אָבער זײַנע אויערן הערן: עמיין ביכיט חוזק,
און ער טאַנצט און הערט דעם כיבי ביזן גראָען מאָרגן.

פאַרוואָס איז דען פאַרפרילינגס בלאָקייט טיף אַזוי באַצערט?
פאַרוואָס גייט אויף אַטרער אין אויג, ווען ס'זעהט דעם ווייסן בעז?
פאַרוואָס'זשע ווענען אומעטיג די כלות חופּה־נעכט
און ס'זענען די חתנים בלייך, ווען די קאַפּעליע שפּילט?

פאַרוואָס'זשע נאָגט אַ טונקלע ווי אין אָוונטן פון גליק,
ווען ס'ציטערט אויפן בעט די וועלטן־טייערסטע — דיין פרוי
און דעקט דיך איין מיט אירע האָר, — —
פאַרוואָס'זשע פּאַכט דאָס האַרץ?

פאַרוואָס איז אַזוי עצבות'דיג די רעגן־נעכט'ס געזאַנג
און ס'פּולן דיך מיט טרויער אָן די ריחות פון אַ פעלד
און ס'ציט דיך צו דער איינזאַמקייט די שלוה פון אַ דאָרף
און די געפּייניגטע רויטקייט פון אַן עפּל־סאָד באַטרערט
דיין דאָרשטיג אויג?

מוז זיין אַוודאי עמיץ — אויסער גאָט —
וואָס רוהט אין בלאָ און דופטעט פונם בעז,
און אָטעמט אויף מיט עצבות פון די ווענט,
און וויינט אַרום פון יעדן פריידן־שפּיל
אין הויז פון גליק.

און ס'מוז אַוודאי עמיץ זיין, וואָס בלאָזט
אַ גרוילן־ווינטל דורכ'ן האַרץ פון רוה,
אַז ס'דאַכט זיך: עמיץ שטייט און הערט זיך איין,
אַז עמיץ זעהט...
און ס'ציט אין דמיון דורך אַ בייזע קראָ.

ס׳איז קופּער־ליכט־צײַט, מיטנטאָג. די זון איז ווי אַ טײַכל.
ס׳קומען פֿליגן טרינקען פֿונ׳ם טעלער, ווי צום טײַך,
און אין קופּער־ליכט ליגט גלאַנציק ס׳ברוינע לײַבל ברויט מײַנס,
ס׳טאַנצן אום די פֿליגן אויפֿן רוקן, זשומען: זשום.
דאָס מעסער בלאַנקט. דער לעפֿל זילבערט. כ׳וויל מיך נעמען עסן.
הונגעריק און דאָרשטיק בין איך. שלאָף פֿון גיין אין נאַסן — —
עפֿנט זיך די ווײַסע טיר און ס׳קומט אַרײַן אַ קלומפּן:
אָפּגעצערטע באַקן, שטאַרע אויגן (ס׳איז דער עלנט;
און אַ האָריק קנאָכנדיקע האַנט צוליגט זיך בעטנד:
הונגעריק און דאָרשטיק בין איך, מיד פֿון גיין אין גאַסן...
כ׳בעט דעם קלומפּן זיצן אויף מײַן שטול און הייס אים עסן.
זיצט דער קלומפּן, עסט און מעלה־גרה׳ט ווי אַ חיה,
אָפּגעגעסן, שלײַכט ער צו דער טיר, באַלעקט די ליפּן:
גוט געוועזן... ס׳ברודיק פּנים שמייכלט, ס׳גרינען ד׳אויגן.
און אַז ער גייט אַוועק און כ׳איז די ווײַסע טיר געשלאָסן
ציטערט־אויף די ווײַסקייט און עס נעמט זיך עפּיס ווײַזן:
קודם־כל, צוויי הערנער־שפּיצן דאָן: אַ טײַטע־שטערן —
צוקט ער, צוקט און ציט אַרויס זיך, ביז מען זעהט די ברעמען,
נאָך אַ רגע — זשטורען־אויף צוויי אַריס־גריניע אויגן,
שפּיציק קוקן זיי אַקעגן מיר און פּרובן לאַכן — —
אָפּגעקוקט — און אויס. די טיר איז ווײַס. און שטילן ציטער
ליגט צוליגט דאָס קופּער־ליכט. ס׳איז מיטנטאָג. אין רײַכער
און ס׳פֿליִען אום די בײַסנדיקע פֿליגן, זשומען ניפּטיק,
און מײַן גימען טריקנט און מײַן מוח איז צעגאַסן...

דער אַנדערער אין מיר, וואָס איז אַזוי פיל אַלט ווי איך,
גייט מיר נאָך און צווילט די טריט, און לויערט אומעטום
און קוקט זיך צו די מעשׂים מײַנע... ווייס איך מײַנע ליפּן
און לאַכט אַזוי מין אײַנגעהאַלטן, טיף, אַ גיפטיג כיכי,
צי ווייסט ער נאָר און זוכט, ווי מיט אַן אַקסל, אַ פאַרבאָרגנס,
דערמולט ווען איך לאַך פאַר פרייד און טראָג די קרוין פון גליקן.
און אײַנגעהויקערט ווייסט ער גאַנצע נעכט בײַם שרײַבערטישל
ס'לײַכט זײַן לעמפּל גרין־און־רויט אַרײַן אין מײַן אַלײנזײַן
און בלעטערט אין מײַן סוד־סודות'דיגן לעבענס־בוך
און הייסט, אָהן לשון, צושערן מײַן קערפּער
און האַלטן אָפן דאָרטן אינם חשבות
און נישט שלאָפן.

ס'גייען אַן עקוואַטיש רינגל־טענצל די חשבות:
האָפּ אַרום אַן אײנציג וואָרט —
אַ נאָמען און זכרון,
ריטמיש שפּילן צו צים טאַנץ די נערוון און די בלוטן — —

קוקט זיך ווײַטע אויגן אויס דער אַנדערער אין מיר
און פאַלט אַרײַן אין קאָפּ און שרײַט, ווי וואַסערן: פאַרגעס!
און ווערד אַלײן מבולבל אינם שרײַען. — —

און ס'איז נישט מער קיין ווענט אַרום,
קיין בעט נישט מײַן געלעגער.
ס'ליגט אַ קנאָבליג שפּיל אויפן הויכן בוזן וואַסער,
נאַכט איז. און אַ יעדן וואָלקן ליגט אַ מול טויט.
בליצן־גלאַנץ און דונער־שלאָג און שוואַנגערדיגן הויך
און אַרום איז וואַסער, וואַסער,
ווײַט פון אַלע ברעגעס. — —

און אומעטום גײט ער מיט מיר, װען אַלע מיך פֿאַרלאָזן,
אומעטום אַזױ װי איך און גרײט צו יעדער טרעפֿונג,
און װײנט און מיר און זינגט פֿאַר לױטער אײנזאַמקײט דעם ניגון
פֿון מײַן אָנגעװײטאָגט דאָרן, זיצנדיק בײַם שרײַבטיש
אינם לױערדיקן שטילקײט איבער ביכער־הױפֿנס.

איך װײס, עס פֿירן אַלע װעגן צו דער פֿרײד ניט.
ס'װעגן על־פּי־מקרה נאָר געשטעלט די פֿרײדן־הײַזער
און ס'בליען על־פּי־מקרה נאָר די פֿרוכטפּערדיקע כּרמים.
װאו דאָס אױג: עראָטיק, װינקט אַרױס פֿון יעדן װײַנשטאָק.
זיכער איז: די װעגן אַלע גײען זײ פֿאַרבײַ נאָה,
פֿירן — פֿירן אַלע װעגן נאָר קײן עלדאָראַדאָ.
און פֿון עלדאָראַדאָ איז אַ שפּאַן צו דער נירװאַנאַ.

און ער גײט מיט און שטעלט זיך אָפּ מיט מיר בײַ װײַסע הײַזער,
הערן אַ פֿאַרליבטע סערענאַדע פֿון אַ יונגפֿרױ;
און אַ יונגפֿרױ גלעט אַ מאָל מײַן קאָפּ און זײַנעם אױכעט
און מיר און אים — עס װײסט די פֿרױ ניש — זאָגט זי לױטער האַרציק:
ביזט מײַן גאַנצע, גאַנצע װעלט, אָ בלײַב מיט מיר אױף אײביק!
און איך און ער, און אײן געשטאַלט, פֿאַרלאָזן איר געלעגער...

כ׳האָב יאָרן לאַנג די אויגן מײַנע אויסגעקוקט אין תהום,
וואו שיפֿן גייען־אויף מיט שטאָלין און טראָגן שאַצן נאָלד־
און לוסטיגע מאַטראָזן זינגען ס׳העלדישע געזאַנג,
כ׳האָב צוגעזעהן, ווי שיפֿן גייען אונטער פֿול מיט פֿרוכט
און ס׳שפּרינגען די משוגע׳נע מאַטראָזן אינ׳ם ים...

כ׳האָב יאָרן לאַנג געפֿאָרשט אין גורל־בוך פֿון יעדן פֿאָלק
און אומגעוואָגלט אינ׳ם כּוח־וואַלד פֿון יעדן דור,
און כ׳האָב געזוכט דאָס ערשטע אָרט פֿון יענער וועלטן־שפּין,
וואָס האָט די נעץ: פֿאַרלוירנקייט, צו מענטשן׳ס פֿיס געלייגט.

כ׳האָב צוגעקוקט, ווי אין דער וויג פֿון נײַ געבוירן גליק,
אַ זוניג קינד,
איז אויך געלעגן אומגעזעהן די פֿאַרבאַשטימונג: לייד —
אַ פֿינסטער קינד,
און ס׳האָבן ביידע קינדערלאַך אַזוי זיך אײַנגעוויגט
אין נעכט פֿון גליק.

און כ׳בין געלעגן גאַנצע נעכט, באַטראַכט מיט אַנגסט מײַן זין,
דעם סוד פֿון מענטש׳ס צוויי־הונדערט־אַכט־און־פֿערציג־גלידער׳ס זאָט —
און סנה בין איך געווען אין אייגן פֿײַער פֿון מײַן צײַט,
אַ היכל פֿאַר מײַן תפלה און אַ שאַנד־הויז פֿאַר מײַן גוף —
און נישט געקאָנט קרישטאָליג ווערן, זיכטיג פֿאַר מײַן אויג:
אַזוינס בין איך,
עס הייסט אַזוי,
און אַנדערש בין איך נישט...

אָבער ס׳איז, מײַן לעבן גלײַך געדיכט געווען — אַ וואַלד.
איך האָב אַליין געבלאָנדזשעט דאָרט און נישט געקענט קיין שטעג,
און כ׳האָב געהערט, אַז עמיצער גייט אים און נישטערט דאָרט,
און ווייסט דעם גאַנג —
האָב איך אין וואַלד אַרײַנגעשריגן: האָפּ!
האָט מיר אַ ווידער־קול געענטפֿערט:
כי...
איך האָב געגרוילט.

ס'איז ליגן, אַז אַ מענטש איז ווען זיך שולדיג און זיין בראָך,
וואָס ער איז געזונד און האָט קיין אָרט נישט פֿאַר זיין גוף,
און ציטערט אויף די דאַרע קניעס פֿון דער שוועסטער: נויט,
ווייל ווער האָלט דען פֿאַרלאָזט דאָס אייגן הויז,
דאָס ווייסע בעט, דאָס פּוכפֿעדערדיגע פּעלה,
דעם ווייַנשטאָק און דעם בליענדיגן סאַד
און אין דער וועלט געצויגען געזונד!

ס'איז ליגן, אַז אַ פֿרוי גייט סתּם־אַזוי
דורך לייִדנשאַפֿט.
פֿאַרקויפֿן פֿאַר מטבעות איר געצערטלט נאַקעט לייב,
וואָס ס'האָבן נאָר די ווענט געזעהן ביינאַכט.
ווייל וועלכע פֿרוי האָלט דען פֿאַרלאָזט די שוים
וואָס איז איר גוט,
די האַנט, וואָס גלעט און הייליגקייט איר גוף,
און וואָלט אַנטלאָפֿן אין אַ הויז פֿון שאַנד
און גלידער־פּיין,

ס'איז ליגן, אַז אַ מענטש גייט סתּם־אַזוי,
מיט זיין פֿאַרלאַנג,
פֿאַרשוועכן אַל דאָס הייליגע: די הענט —
און וואַרגט אַ האַלז פֿון עמיצן וואָס האָט גאָלה,
צי קושט ער מיט זיין מויל אַ טמא זאַך
און לעסטערט אינם צלם אלקים!
און דאָס פּרוכת וואָרט,
דער צלם וואָרט!
און ס'וואַרט די ספֿר־תּורה, מלאָ־צער,
עס זאָלן זי פֿאַנאַנדערוויקלען הענט
און שטערן־שיין פֿון בלאָע האַלבע נעכט.

מוז זיין אַוודאי עמיצער, וואָס טרייבט אַריין אין רויש
און קאָכט און זידט די בלוטן אַזוי לאַנג ביז זענען רויט!
מוז זיין אַוודאי עמיצער וואָס טייטלט:
דאָרט איז גאָלה...

און ס׳גייען גלות מענטשן׳ס מידע פיס
אין ווילדע שטעט און איבער ימים׳ס פלאך
און ס׳פאלן פאלן גופים אויפן וועג —
בייטאג,
ביינאכט.

ביז וואַנען מען דערקענט דיך און מען ווייסט,
אַז דאָס ב י ז ט ו. דער האַר, דער גורם, אַלײן,
די שרעקלעכע גראָטעסקע: טאָג און נאַכט אַרויף־אַראָפּ —
מוז מען האָבן אין דער וועלט ג ע ה אַ ט
אַ גרויס פֿאַרמעגן פֿון פֿייער און גײַסט און קראַפֿט,
וואָס איז געגאַן פֿאַרלוירן מיט דער צײַט.

און האָבן מוז מען אין דער שוים געהאַט
אַ סך אַזוינע זיסע פֿרויען־קעפּ,
דורך גאַנצע נעכט.
און פֿיהלן יעדן צוק פֿון זייער לײַב
און וויסן: ס'זענען אמת לויטער גליק
אַ וועלכע נעכט.
און ס'איז קיין איבער־בלײַבעניש נישטאָ.

און האָבן מוז מען לאַנג געוועסן וואָך,
אַ שטאַרנדיגער קערפּער אין דער נאַכט,
און האַלטנדיג מיט ביידע הענט דעם קאָפּ,
דעם פֿײַער־קאָפּ;
און שפּעטער שטיין און וואַשן זיך אַ העמד
און טריקענען עס אויפֿן הײלן לײַב;
און אויפֿשטיין אינדער־פֿרי אַזוי מין קוואַר
און גיין אַרויס אַזוי פֿאַרפֿרעמדט אין שטאָט
און קומען מיט די מענטשן אין גערויש
און זוכן פֿאַרן הײַנט אַ לײַבל ברויט — —

און האָבן מוז מען מיד זיך אויסגעשלעפּט
אין רײַכע שטעט,
געפּלוידערט און געלאַכט ביז האַלבער נאַכט,
און אײַנגעשטילט דעם הונגער מיט אַ טיי
און מיט אַ ציגאַרעט,
און דאַן געפֿיבערט אויף אַ גאָרטן־באַנק
אין עק פֿון שטאָט,
אין שטערן־ליכט.

און וויסן מוז מען, וואָס עס ליידן אויס
און יעדער בלאָער נאַכט. און נאָר דער וועלט.
מענטשן'ס שענסטע טעכטער אין־דער־שטיל
און וויפיל שיינע קעפּ עס מוזן רוה'ן
און אָרעמס פֿון געהאַסטע גראָבע לייט.
און וויפיל אויגן וויינען דעמולט היים — —

און האָבן מוז מען אין סאַלאָן געוואוינט
און פֿון א טרייער האַנט געווען געהאַלוט.
און אויפגעשטאַנען דוקא האַלבע נאַכט
פֿון וויכן בעט, כדי צו קיהלן שטיל
דעם הייסן שטערן אין דער פֿייכטער שויב...

און האָבן מוז מען אָונטן געשלייכט;
אַ פֿרעמדע ים־שטאָט, בלאָ און ווייס. אַ ברעג;
און ס'איז אַזוי באַרוישט געווען דאָס בלוט
פֿון גליאינגע מאַטראָזן'ס ווילד געזאַנג
און וויער גלאָקן־לאַך אקענן ים — —

און דאָבן מוז מען דורכגענאַנגען ד'ערד
און שיין פֿון די מזלות און געהערט
פֿגעזאַנג פֿון שבעים אומות פֿרייד און לייד.
און האָבן מוז מען מיט־געזונגען ס'ליד
פֿון ציענרע חיילות אינם קרינ,
און זעהן די טויטע וועלנער אין־דער־פֿרי.
דאָס פֿוילן פֿון דערה־ג'עטע אין וואַלד.
און יענע קלומפּנס לייבער אינם דראָט.
די קעפּ אַראָפּגעדרייט, די פֿיס אַרויף. — —

און האָבן מוז מען וואַסערן געזעהן
בשעת דער ים איז ביין בשעת ער שלאָפֿט
און טראָגט די שיפֿן ווייט מיט מענטשן־פֿול
פֿון ים צו ים — —

און האָבן מוז מען ווילד געווען אַזוי
מיט טויזנטער הפקרות־ווייבער

לאַנגע נעכט פֿאַרבראַכט ;
און צוגעזעהן, ווען אויפֿגעגאַנגען ס'האָט
דער גראָער טאָג,
דעם קנייטש פֿון זייערע שטערנס,
זייער פּיין,
און זייער עלנד ווינקען נאָך דעם רויש — —

און האָבן מוז מען אין דער וועלט געזעהן
אַ סך אַזעלכע דאַרע אידלע הענט,
וואָס האָבן זיך געשטרעקט צום בלאָען הויך
בשעת געבעט,
און הענט פֿון לונגן־קראַנקע פֿאַר־טויט —

און האָבן מוז מען נידערן געזעהן
די מענטשן־זיהן מיט לעמפּלאַך און די הענט
אין קוילן־גרוב אַראָפּ, ווי אין א תהום,
און אונטער זייערע רוקנס שיינט די נאַכט,
און כליגן אויף די בעטן אין דער היים
די ווייבער זייערע, מיט דער שטאָק אַליין — —

און אויב עס האָט דער מענטש אַ סך געזעהן,
געפֿייהלט, געחלומ'ט, און געשוויגן לאַנג,
געלייטערט אין די טרערן יעדעס וואָרט,
געגלייבט און נאָט, געגאַנגען צום אָלימפּ
געליטן שטום
און האָט דערגרייכט דעם העכסטען שטאַפּל: נויט —
דאַן שטעלט זיך איינמאָל אָפּ דער גוף אין וועג
און זאָגט אין זיך בשעת'ן בלוטן־גהויל:
אַהאַ, אַ דאָס ביזדאַ,
מעפּיסטאָ האַ,
דער גורם אַליין
די שרעקליכע גראָטעסקע: טענ און נעכט
אַרויף־אַראָפּ !

צעהן מאָס אייבּיגקייט־גבורה איז אין וועלטן־טאָל געגידערט,
האָט מעפֿיסטאָ זיין גענומען און די צעהנטע איז געבליבן
נאָט — דעם גייסט פֿון אַלע וועלטן,
נאָט — דעם פֿאָטער פֿון בראשית.
נייט דער גייסט אויף אַלע, וועגן נע־ונד מיליאָנען יאָרן,
פֿון אַ האַרץ צום צווייטן הייבּט ער, קומט בּ ג נ ב ה, זוכט אַ תּיקון;
קוקט אַרויס אַמאָל אַ גלאַנציגס פֿון אַ טרער, און לאָזט זיך הערן
פֿון אַ זיפֿץ אַמאָל אַ שטילן, פֿון אַ ווייטאָגדיגן ניגון;
ציטערט הייליג בּין השמשות אין דעם רויטן שקיעה־אָפּגלאַנץ
אויף די שויבּן פֿון אַ היכל און אין זילבּער פֿון לבנה;
הענגט אין סאַמעטענעם פֿליגל פֿון אַ שוועלבּל אין די לופֿטן — —
אָבּער דעמולט נייט מעפֿיסטאָ בּפרהסיא אין די לענדער,
און עס פֿלאַטערן אויף וועלטן זיינע נאַכטליכע געוועגדער...
אין מיליאָנען גאַסן־לאָמפּן און אין זילבּערנע מנורות
און אין הימלענ׳ס איידל־שטיינער, — גליען זיינע, זיינע אויגן!
ער זעהט אַלעס! — :
ווער ס׳גייט טאַנצן צו די ווייבּער אין דאָס ווילדע האַרץ בּאַרוישן,
ווער עס בּלייבּט זיך בּיחידות צו פֿאַרפֿאַלן אין זכרונות.
ווער עס וואַרט אויף אַ געליבּטער מיט אַ ליד אויף זיינע ליפּן,
ווער עס קאָרטשעט זיך פֿאַר ווייען און געפֿינט פֿאַר זיין נשמה,
נישט קיין אויסגאַנג פֿון איר פּלאָנטער — —
און אין האַלבּער נאַכט בּאַנלייט זיינס אַ פֿאַרפֿירונג־ליכט אַ גולן
איבּער שטילע קאָרידאָרן און בּאַלייכט די קאַלטע קלאַמקעס...
און אַז ער הייבּט — קומט די לבנה אויך אַרויס פֿון צווישן נעפּלען,
זעען רויבּערס דורכן אורוואַלד: ס׳פֿאָהרט אַ פֿוהר אָן פֿינ׳ס שטאָט־וועג,
און זיי ליגן אויף די בּייכער אויגן־גליאיג און צוואָטן,
בּיז די פֿוהר קומט — — די לבנה שווימט אַריין אין ים פֿון נעפּל.
אַ יין מעפֿיסטאָ ווייסט די טרעפֿונג האַלבּע נאַכט אויף יענעם וואַלד־וועג!
און דער גייסט איז נע־ונד אַלין! שוואַך און אומעטיג און ציטריג.
ר׳איז אַ קלאָגנדיגע סאָווע אין אַ חורבה; ר׳איז אַ זקן,
וואָס פֿאַרלאָזט דאָס ווייסע בּעט אַ יעדע האַלבּע־נאַכט און זעצט זיך
אויף דער ערד און צינדט אַ ליכטל... ר׳איז דאָס גליראַש פֿון חרטה
אין אַ קראַנקער אשה נדה אין וועגערישן שפּיטאָל — — —

ד'איז דער פלאַטער פון זכרונות, דאָס דערמאַנען פון אַ נאָמען,
און דאָס פלאַפלען פון אַ גוסס, ד'איז דער בלאָער ס אָ מ נ אַ מ ב ו ל י ק:
נישט אויף גלייבע ווענן גייט ער, נאָר אויף שמאָלע און קאַפּוירע,
און מיט צוגעמאַכטע אויגן, חלום־היילינ, ביז צו תהומות,
און די ליפּן זאָגן שירה,
און די נערוון וועגען סטרונעס — —
און מעפּיסטאָ זיצט מיט רחבות אויף זיין קנאָבנדיגער קרוין־שטאָ,
און לכבוד זיין שוואַרץ-שבת זיינט ער רויך פון זיין גאַרגילע,
און ער שיקט די שלאַנגען־רויכעס דאָרט אַהין צום הויכן באַרג־שפּיץ
וואו דאָס קלאָפּנדיגע האַרץ ליגט פון דער מענטשן-וועלט און צאַפּעלט.

און כ׳בין אמאל געשטאנען קליין און פארכטיג, ווי א פויגל,
אונטער דער געראנקען־וועלט־מחיצה און פארנעמען:
ס׳האט געהאט בסתר גאט, דער נייסט פון אלע דורות,
מיט ויין אומגעלומפערט שויס־קינד מעפיסטאפל א גערייערע — — —
עס האט אזוי מין טיף געקלאנגט א קול דממה דקה:
גדו האסט דיך פארוויקלט אין דעם תכלת־קלייד אין מיינעם
און געגאנגען ביזטו גולען מיינע חלום־יונגען׳ס תפילה.
גנב׳עסט יענעם ציטער־גלאנץ פון וייער טרער צו מנחה,
דעמולט ווען זיי ציטערן פאר בענקשאפט און זכרונות
און קילן זייערע שטערנס אין די פייכטע בלאע שויבן...
און דו ביזט דער געדאנק וואס איז אין וייער הארץ געבוירן:
per aspera ad astra... און זיי גייען, גייען, גייען,
די פארהלום׳טע און בלייכע רבי יוסף־דילה־רינה׳ס — — —
און עס דארן זיי די גופים, ווי די דערנער, ווערן טרוקן,
און עס טוט מיר ווייי אומענדליך! מיר, דעם פאטער פון נשמות;
און אז כ׳קום צו זיי בחלום און איך הארן זיי און זאג זיי:
ס׳וועט מעהר פון זיבציג טויזנט יאר דער וואנדער־וועג געדויערן!
איז מיין קול זיי נישט באקענט מעהר... ס׳א נעדאנק גאר פונם שטן!׳

און ס׳האט זיך מעפיסטאפל ווילד צעכאכעט און נענגפערט:
איי, דו בלאער זקן, האסט א טעות! ביזט פארשלאפן!
דו — אזא מין לופטינג׳ס, אזא שיין פון א לבנה,
דו — אזא מין ציטערדינג׳ס, א חידער־קול פון קולות,
דו — די הפסט דיך פאטער פון נשמות און פון מיר אויך?
הא! דו ביזט אליין נאר א געשפיל־צייג פון מיין ווילן,
נאר א צופער־נאמען ביזטו, ווען איך קום צו גיין אין מוח
פון א לויטערן מתבודד, ציה א פארעם דורך זיין חלום:
גיי אין זמפן טיפע זוכן די נצוצין פון קדושה!
און אבי איך ברענג אין זומב איהם — איז פארגעסן שוין דיין נאמען,
און וואס ביזטו דען דעמולט, וואס איז קול דממה דקה,
ווען די הייזעריגע קולות פון די ליידנשאפטן זורן?
און וואס איז בלאע תפלה דען א קענן קוויטש פון תאוה
און דעם צאפל פון באדוי׳שטע סיפיליטקער ביים וויין־כוס?

און וואָס איז דען דיין שטערן־קלייד אַ קעגן די רובינען
וואָס צעשאַרען זיך און בליצן אין די טויזנטער שוואַרצאַפּלען,
און אַקעגן בלאַנדע, שוואַרצע, קאָפּ־צעשויבערטע נקבות
אויף די רויטע סאַמעט־זאָפֿעס, וואו די גופים גליען, גליען? — —
ניי צו רוה, דו ביזט פֿאַרשלאָפֿן, בלאָער זקן, ביזט דער גייסט נישט!
אין די הריי־הויִשך זעגען כמה הייהלן דאָ צום שלאָפֿן —
שלאָף־דיך־אויס דאָרט, און אויף מאָרגן, נאָך מיליאָנען נעכט פֿון חושך,
ווען דער ווינט קעהרט־אָפּ די וועגן פֿון צעטרעטענע נאַרציזן,
קום צו גיין אין מיינע וועלטן און דערציייל מיר: ביבין געוועזן
אין אַ גלגול, פֿאַר בראשית, אַ באַשעפֿעניש און אַ פֿאָטער
פֿון נשמות און פֿון שטן — —
איך בין דער גייסט! איך בין דער גרויל וואָס צעהרט
מיליאָנען מענטשן־לייבער,
און איך פֿלאַקער־אויף די מוהות פֿון מיליאָנען מיט מיין האַשיש!
איך בין דער, וואָס פֿירט אַ מאַמע פֿון די קינדער אַ באַרוישטע
אַלע אָוונט צו דער וואוינונג פֿון אַ יונגן הפקר־בחור.
(ר'איז אַרטיסט, אַן אָפּער־זינגער, צי אַ דיכטער פֿער עקספּרעסיאָ...)
איך בין דער, וואָס יאָגט אין חשבות אַ גאַלאָפּיש פֿערד־און־רייטער
איבער סטעפּ און ווילדע שלאַכט־נעכט, נישט געדענקענדיג די היים מעהר.
איך בין דער, וואָס טרייבט דעם מענש אַ קעגן שפּייענדע הויביצן
און כ'בין דער, וואָס האָב געלערנט די רבי־יוסף־דילה־רינה'ס,
אַז: per aspera ad astra — איז דער וועג פֿון אַלע וועגן!
און עס גייען די נשמות דורך דעם רויען וועג פֿון ליידן
און עס וועט זיי קיינער זאָגן (ס'וואָלט געהייסן: מעשה שטן...):
אַז ס'איז ווייט דער וועג צו שטערן און צו וואָס דער וועג צו שטערן?!
און ווער רעד דען צו די קדושים: לאָזט אייך פּייניגן און ברענען
און נישט ראַטעוועט די גופים ווייל... איר לעסטערט די נשמה?
און ווער לערנט די העברעער אייביג ליידן, אייביג האָפֿן:
עס וועט קומען די דערלייזונג ווען... די טויטע וועלן אויפֿשטיין?
און ווער לערנט אַלע מענטשן פֿאַר אידעען צו פֿאַרבלוטן?
און ווער זעגען דען די האָדושאַ'ס אין די הייליגע מעטשעטן
וואָס אין נאָמען אַללאַ רופֿן צו אַ הייליגער מלחמה?
צי אין נאָמען נאָך פֿון בורא, רופֿן הייליגע פֿאַקירן,

און עס ציען יונגע, אַלטע פֿון די בלאָע נאַנגעס־רעפֿער,
קיין אייראָפּאַ, קיין אייראָפּאַ: פֿיל מיט צלמים, גלאָקן, טורעמס,
און — מען וועט נישט מעהר קיין לאָטאָס
און מען טרינקט נישט מעה־ פֿון גאַנגעס! — —
און עס קומען פֿון אייראָפּאַ די הילולות און זיי שלאָפֿן
בלאָע נעכט אָפּ אין די אָרעמס פֿון די פֿרומע אינדאָ־מיידלאַך
און זיי ווענען זיי מטמא; און עס טרינקען זיך פֿאַרפּלוטיגט,
איידער טוי פֿאַלט אויף אַ לאָטאָס, יענע מיידלאַך אינם גאַנגעס,
ווייל זיי ווילן קומען לויטער פֿאַר׳ן וועלטן־פֿאָטער ברהמאַ — —
איך בין דער, וואָס הייסט: מעפֿיסטאָ! כ׳בין דער גייסט פֿון אלע דורות.
רייבע זאָג איך: איר האָט ווייניג! זוכט דעם וועג וואָס פֿירט קיין אופֿיר.
און אַ קראַנקן זאָג איך: גלוסטן! און די קוואַרע הענט דערהייבן
צו דעם ראָד פֿון די מזלות, צו די פֿליענדיגע פֿייגל!
יונגע קלויסטער־שוועסטער לאָז איך אין לבנה־נעכט נישט שלאָפֿן
און איך זינג אין זייער חלום דראַמאַטיש: שיר־השירים — —
און עס נייען אַלע דורות אויפֿ׳ן וועג נאָך מיינע אידליכט
און אַז ס׳שטעלן־אָפּ אין וועג זיך די פֿאַראַירטע, ווילן צריקגיין,
הענגט די נאַכט אַריבער אַקסלען אין מען וועט נישט מעהר דעם אַ נ ה ו י ב,
וואו דאָס וויגל איז געשטאַנען און די מאַמע האָט געזונגען
יענעם ניגון, וואָס דערציטערט אויך מיין גיפֿטיג האַרץ, ווען ביהער איך
האַלבע נעכט פֿון ווייסע הייזער. — —

ס'איז דאָ אַזאַ מין נאַכט אַ מאָל און כ'ווייס נישט צי ס'איז נאַכט.
איך הער נישט ווי עס שושקען זיך די ביימער בײַ'ן ווינט.
מיר דאַכט, אַז נישט אויף אַ נעלעגער זיצט מײַן נאַקעט לײַב,
נאָר אויף אַ הייסן קיזל־שטיין צופיסנס פון אַ באַרג,
וואָס שטייט אַן אייל אַוועקגערוקט פון ים־הגדול, הויך,
און אויבן אויפן שפיץ איז דאָ אַזאַ מין ריזן־קאָפ:
ד'אוינן־לעבער זענען פחדים־פענצטער צו דער וועלט,
דאָס מויל איז אַזאַ הפקר־טיר אַרײַנצוניין אין קאָפ,
וואו ס'וואוינט אין אייביג עלנט אַ נעפאַנגענער: דער גייסט.

עס ברענט די זון להכעיס און די הימלען זענען בלאָ.
און ס'זירט דער ים־הגדול און דער ים הנדול שרײַט:
עס איז אים ענג זײַן אַלטע וויג. די כוואַליעס שרײַען: ענג!
וואָלט ער געוואָלט די ערד פאַרפלייצן — שטייט דער באַרג בײַם ברעג:
דער שומר פון דער ווײַטער וועלט,
דער היטער פון דער ערד.

און אַז דער ים ווערד הייזעריג און אָפּגעלעבצנדיג,
און ס'ביינט זיך איבער אים אַריבער ס'בלאָע ווײַב — די נאַכט,
און גלעט מיט אירע בלאָע הענט זײַן בוזעם, שטילט אים איין,
שווימט צו אַ בלייך לבנה'לע צום ריזן־קאָפ און שטייט.
פון ד'אוינן־לעבער'ס פחדים־פענצטער קוקט אַרויס באַצער'ט
אַזאַ מין שטערן־אוינגדיגס, אַ ציטער־גלאַנצל פרעגט:
„אָ זאָג מיר, וואַנדער־מיידאַלע, בראשית־שוועסטערל,
וואָס טוט זיך עס אין מײַן־געוועזן וועלט־טאָל? זעה, איך בענק
צו די מיליאָנען מענטשן מײַנע, וואָס מעפיסטאָ טרײַבט.
און גיין צו זיי — דאָס קאָן איך נישט, כ'בין אַ געפענטעטער;
און וואַרטן וואַרט איך, שוועסטערל, אויף ווײַסע מענטשן'ס הענט
און זיי, די מענטשן, קומען נישט. דערצייל מיר, וואָס דער מער?"

רעדט שלאָף דאָס בלייך־לבנה'לע צום שטערן־אוינגדיגס:
„דײַן קול איז מיר באַקענט. כ'האָב ערגיץ־וואו אַזוינס געהערט,
נאָר דו אַליין ביזט אומבאַקענט מיר... פרעגסט מיך וועגן וועלט —
משמעות, ביזט געוועזן אין איר אַ מאָל... איך זעה: דו בענקסט.

וועלט איז וועלט; נאָך טאָג ווערד נאַכט — און סתם:
מעפּיסטאָ — האַר.
און די מיליאָנען מענטשן זענען ווילד און האָבן פײַנט.
און הײַנט איז נאָך דער שטײַן פון האַס פון זײַדן קין'ס צײַט.
און ווײַטער וואָס? — — מען פאַרזכפערט זיך, מען לויפט;
ס'איז קײַ און שפּײַ;
און אַלע הערצער ציטערן אין תאווה: גאָלד און בלוט..."

אַלע זיבן הימלען וועגען אָפּגעשלאָסן ווײַט
און ס'האָט די שליסלען צוגעט־ען ער, דער ס פ ך־מ ם ם!
און אויסגעהויכט פֿון קדושה איז יהוה'ס צויבער־שם
און ס'איז דער אָרלער ג ײַ ס ט געבליבן שטעקן אין־דער־קלעם.

און ס'רײַסט זיך נאָך פֿון טאָל אַרויף צו הימלען אַ געבעט.
עס בעטן די, וואָס ווײַסן ניט, אַז ס'איז ניטא דער אַ מאָל.
און ס'ברענגען אין דמיונות נאָך נשמות אָהן אַ צאָל
צום אַלטן בלאָען רחמים־גאָט די טרערן־זילבער־שאָל.

און ס'קלינגען גלאָקן. ס'ברענען ליכט אין קלויסטער און אין שוהל
און ס'פּרײַפּלען אַלטע האָרושאַ'ס צו די גלויבערם פֿון מאַכמעט
אַראָפּ פֿון יעדן גאַניקל פֿון יעדן שפּיץ מעטשעט.
און ס'זאָגן שמע־ישראל קלײנע קינדער אויפֿן בעט.

און ס'גײען אויף אין יעדער האַלבער נאַכט פֿון יעדן ראָך,
אַ וועלכע אײדעלע הענט, וואָס זאָגן: הערצער וועגען וואָך.
און ס'קלאָגן זיך די הינט אפילו אויף אַ יעדן שליאַך.
נאָר אין די וואָלקנס קאַטשעט זיך מעפֿיסטאָ'ס גרינער לאַך...

און ווי איז די טויטע אפילה, וואס זוכן א תיקון
א רא. אינם ישוב פון מענטשן, אין שיין פון מולות.
א זיי זענען טאפל אומגליקליך! ווייל זיי גליט א קענן
דאס גיפטיגע גאדאויג, דאס גרינגע, וואס היפט אויף די וועגן
אזויווי א שטערן.

און קומען די שאטן־נשמות אריין אין בית־מדרש —
איז פארכטיג אזוי דארט די שטילקייט, אזא מרה־שחורה!
עס פלאקערט אזוי מין דערשראקן דאס לעמפל ביים עמוד!
און עמ׳ין גייט־אויף אויף דער בימה אין קיטל־און־טלית
און וויקלט פאנאנדער די תורה און לייענט מיט א ניגון
די תוכחה, גיפטיג אזוי און אזוי מין פארביסן,
אז ס׳פיהלן די שאטן־נשמות דעם גרויל פונם לעבן
די ווייטאג פון גופים...

און ווי איז דעם צלם־געהאנגענעם ישו בן־יוסף
אין פינסטערע קלויסטערס, צי גאר אויף די דארפישע סלופעס,
ווען ס׳קומט האלבע נאכט און ער עפנט די אויגן אין חושך —
דערזעהט ער פילאטוס׳ן פלוצים, דעם האר פון גלגלתא — —
„א דו ביזט דער מלך פון יידן? טא קומט דיר א קרוין דאך!״
און לייגט אויפן מקום־של־ראש אים א נייעם קראנץ דערנער
און כיבעט און כיבעט...

מען ווייסט נישט אין הימל וואָס ס׳טוט זיך אין טאָל פֿון די מענטשן.
מען ווייסט נישט פֿון טאָג־צייט, מען ווייסט נישט פֿון נאַכט־צייט
אין פרגוד.

עס גליווערן שרפים צופֿיסנס דעם נראָען יהוה.

אַן אַ נ ד ע ר ע ר הייסט מיטן גלגל אויף י ע נ ע ר זייט הימל
און הערט אַלע תפילות, וואָס קוואַלן־אַרויף צו יהוה,
און עס צעכאַכעט אַזוי זיך דער מורד במלכות!

און פֿוילן מיליאָנען נשמות דעם מורד נישט פֿאַנגען,
הייל ער איז די לעבעדיגקייט אין די מענטשליכע גופֿים.
ווייל ער איז די זאַפֿט אין געשפּראָין און דער גליווער אין דומם.

נאָר סיידן אַ תהו־ובהו וואָלט ווערן פֿון אַלעם
און איבערן תהו־ובהו וואָלט ווידער געקייניגט
די בלאָע קדושה — די געטליכע קראַפֿט פֿון בראשית.

מען גלייבט נישט מעהר אין גאָט. מען טרעפט די שכינה נישט
אין גאַנג.
און ס'איז נישטאָ קיין ווינקל, וואו עס ברענט דאָס לעמפּל: רוה,
און לייכט צום האַרץ.

און ס'איז נישטאָ קיין אויסגאַנג מעהר פון דעם אָרומיג זיין,
ווייל ס'ווערט דאָך זיך נישט עפענען אַ וואונדער־טיר פאַר אונדז,
וואָס פירט אַרויס
פון דעם כאָאָס
אויף יענער זייט.

און אָטעמען איז שווער אַזוי אין העלקייט פון די טעג
און צעהן מאָל שווערער איז דאָס גיין זיך ליינען אויפן בעט
אַזוי־אָט סתם...
אין האַלבער נאַכט.

און וועלט, איז, דאַכט זיך, וועלט: אַזוי פאַרשידענפאַרביג אַלץ!
עס גייט אַ שטראָם. סע ציהט אַ וועג
צו אַלע עקן וועלט.
און יענער טויזנט־יאָרנדיגער עמ:ין האַלט די בייטש
און טרייבט: גאַלאָפּ!

אָן אייביג ויתרוצצו אין בויך פון טעג און נעכט.
זון אויף —
זון אָפּ.
און ס'זוילן האַרץ און קאָפּ אַוועק פון גוף,
אַוועק פון גוף.

אײַנגעשפּאַנטע װעגן מיר אין װאָגן פֿון די טעג,
עס ליגן אױפֿן װאָגן שטיקער בלײַ און הײסע שטײנער —
די מינוטן.

עמיץ קנאַקט מיט װײַנע בײַטשן,
עמיץ רײַט אױף אונדזער רוקן,
און ס'איז ליכטיק אין די װעלטן..

װעגן גליקלאַכע פֿאַ־האַנען
און זײ קומען מיט דער זון גלײַך
צו דעם טױער פֿונם אָװנט.

אונטער װערבעס קניען נידער
די געמאַטערטע און רוען
אױף דער קאַלטער קופּע שטײנער — —

חלום'ט אײנער: מזל מלכות,
װײַן און װײַבער און באַדינטע,
זיסע שפּײַז,
רײַכע גערטן,
װײַסע בעטן,
פּאַלראַכימען.

חלום'ט אײנער: װײַסע ים־שטעט,
בלאָע אָװנטן מיט שטערן,
איבער סאַמעטענע שטרױמען
גײען ציטערדיגע לאָדקעס
און גיטאַרעס װײַטע שפּילן — —

אָבער ס'נידערט נישט אַ יעדער
מיט דער זון אין שױם פֿון שלוה —
נישט אַ יעדער שלאָפֿט און חלומ'ט!

ס'ציט דער אומרו־װאָגן װײַטער
אינעם חושך, מאַטע מענטשן
מוזן שלעפּן װײַטער, װײַטער — —

אויפֿן וואָגן ליִגט דער עלנט,
ליִגט די פֿיִנסטערניִשן־משא:
שוואַרצע שעה'ן —
שוואַרצע שטייִנער...

פֿ'ציִט דער אומרו־וואָגן ווײַטער.

דף העדער דרייען זיך, די שעה'ן גייען זיך
אין ס'קנייטשן שטערנס זיך בײַם וועבן שלייערן
אַרום די אומגליקן און בייזע טרעפונגן,
טאָג־איין טאָג־אויס אַזוי.
טאָג־איין טאָג־אויס אַזוי.

און ס'לויפן וואַסערן אין דער אומענדליכקייט,
אַזוי מין אומרוהדיג, אַזוי מין קלאָגנדיג,
און בײַ די ברעגעס שטייען ווײַסע וואוינונגן,
אַזוי מין שווײַגנדיג,
אַזוי מין עצבות'דיג.

און ס'זענען אָרעמע דאָ, און ס'זענען שויסן דאָ,
וואָס קאָנען געבן גליק און לעבן'ס זיסעקייט,
און עס זענען דאָ דאָך לעהן־באַדערפטיגע,
וואָס גייען אום אין לאַנד,
די קעפּ געבויגענע — —

און ס'צאַפּלט האַרץ צו האַרץ און בלוט צו בלוטן שרײַט
נאָנט איז זעל צו זעל, נאָר נויט פון נויט איז ווײַט.
און מעפיסטאָ שטייט אויף יעדן אָנהויב־וועג
ווי אַ פעלזן־וואַנט,
ווי אַ טײַך אַ מאָל.

איך בין אריין — איך ווייס נישט וואזוי —
אין חלל פון קאַשמאַרנע טעג און נעכט.
מען זאָגט: עס שיינט אַ זון, עס שמעקט מיט בצן,
מען זאָגט: עס ליגט אַ שטערנדיגע נאַכט
איבער וועלט —
קאָן זיין: ס'איז וואָר.
קאָן זיין אַזוי...

אין חלל פון קאַשמאַרנע טעג און נעכט
בין איך אריין — איך ווייס נישט וויאַזוי —
פון קאָפּ ביז פיס צעווישן הויפנס פלייש
און ווילדע קעפּ...

און כ'קוק אריין אין טויטע אויגנ'ס ים,
אין שוואַרצן גלאָז,
איך וויל דערטיין די קאַלטע וואָרע שרעק
פון גרויסן טויט — —

איך פרעג: פאַרוואָס?
פאַר וועמענס חטא?
און ווער איז שולדיג יערן מענטש'ס פאַרפאַל?

און כ'רייס מיין פלייש
און רייס די האָר —

די טויטע אויגן קוקן שטאַר,
ווי שטאָל און גלאָז:

זאָג דו:
פאַרוואָס?!

דאַפֿאַר וואָס כ'האָב דאָס גרויזאַמסטע קאַשמאַרן־קינד דערצויגן,
וואָס גלאָצט פֿון מײַנע אויגן־אַפּלען גיפֿטיג צו די מענטשן —
פֿאַל איך שוין נישט מנחה־צײַט אויף מײַנע קניעס־קנאָכנס,
תּפֿילה־שוענדיג צום גוטן פֿאָטער פֿון די וועלטן.

דאַפֿאַר וואָס כ'האָב אָוינעוואָגט: די הימלען זענען ווײַטע,
וועלן מײַנע פֿיס צו זײער בלאָקײַט נישט דערגרײכן —
גײ איך אויף די שוואַרצע וועגן נאָכן שטן'ס שאָטן.
ליג איך אויף די טרויער־בּרעגעס פֿון די טאָלן־טײַכן.

גלײב איך נישט דעם צאַפּל פֿון אַפֿרוי אין מײַנע אָרעמס.
ס'ציטערט נישט מײַן האַרץ, ווען כ'ניי פֿאַרבײַ אַן אָפֿן פֿענצטער־
און עס קוואַלט פֿון דאָרט אַ־ױס אַ ווײטאָגדיגער ניגון.

אָבער חיות גלײב איך יאָ.. (איך גלײַך מיך צו די חיות;)
און אַז ס'שרײַען ד'עופֿות און די בײדעמער און שטײנען —
ווײס איך: ס'האָט מעפֿיסטאָ זײ געוויזן במחשבה,
ס'חלפֿל פֿון שוחט און דאָס בלוטנדיגע שעכט־הויז...

און יחוד האָב איך מיט אַ הונט: איך קוק אים אין די אויגן
און איך זע די רחמים־פֿונקען גלאַנצן בין־השמשות —
גלעט איך אים און פֿלאַטער, און עס פֿאַלן מײַנע טרערן
אויף זײַן רוקן.

אַ וועלט! דו ביזט געווען אַמאָל דאָס הײַ'עווריגע קינד
און האָסט געהאַט דאָס פּאָטער־פּנים פֿון דײַן טאַטן גאָט
און אָנגעזאַפּט ביזטו געווען מיט בלאָען רחמים, וועלט!
און הייליג איז געווען דײַן גוף און ווײַס אַ יעדעס גליד,
אײַנגעהילט אין כל־הנערים־פֿאַרבן־קלייד, וואָס ס'האָט
דײַן טאַטע, כביכול, דיר געוועבט — —

און מאָל איך מיר דײַן ליבשאַפֿט־צײַט, דײַן בלאָע בתולה־צײַט
מיט פֿולע בריסטן זיסקייטן, אַ ווײַן־קרוין אויפֿן קאָפּ,
און דײַנע אויגן האָט געשײַנט אַ יעדן מזל'ס ליכט;
און מאָל איך מיר דײַן רויך־צײַט און העלן חלום־שײַן,
דײַן ערשטע בענקשאַפֿט־ווײ, וואָס האָט אַדורכגעווילט דײַן גוף,
דײַן תפילה וואָס איז אויפֿגעגאַן אין ד'ערשטע שטערן־נ ע כ ט,
דאַן וויל איך ווילד פֿאַר צער צוגיין — — אַ וועלט! דו וועלט פֿון ה ײַ נ ט!
ווײַל דו האָסט שוין פֿאַרגעסן ו ו ע ר דײַן גרויסער פֿאָטער איז,
און דו האָסט שוין פֿאַרלוירן דאָס געשטאַלט פֿון טאַטן גאָט,
און דו ביזט אַ פֿאַרזעעניש, אַ ב ן ־ ז ק ו נ י ם — — ווײ! —
פֿון אַ גיפֿט־פֿאַרשיכור'טער מאַמע — ס י פֿ י ל י ס!

און מיר, אָ וועלט, מיר מענטשן־קינדער דאָרשטיגע און גאַנג
נאָך אַ געטראַנק, וואָס לעשט און היילט די אויסגעברענטע וואונד,
פֿון פֿלאַמענדיגן דאָרשטיג־זײַן און תמיד־תאוה'דיג,
מיר, וואָס לעכצן נאָך דעם זאַפֿט, וואָס פֿולט דאָס נפש אָן
מיט רוח און זיס פֿאַרגעסעניש אויף לאַנגע הולטײַ־נעכט,
מיר, די מענטשן וואַנדערדיגע, דאָרשטיגע ביז טויט —
מיר האָבן שוין קיין רעטונג נישט פֿון וויסט טאָגטעגליכקייט,
און פֿאַר דער בראַנדן־מדבר ל ע ב ן איז שוין מער נישטאָ
קיין שאָטן־אָרט, קיין אָפּלויף־הייהל, כדי דאָרט צו פֿאַרגיין — — —
נישט הייליגקייט, — ווײַל ס'שטייען גאָט'ס מקדשים אין די שטעט
קדושה־אויסגעלערט, און ס'גייט די שכינה נישט אין וועג — — —
נישט זינד, — ווײַל ס'האָט שוין ע מ י ן ־ ו ו ע ר, אַ ווילדער, אויסגעגאָגט
די תאוה־טרויבן און די זינד־ווײַן־בעכערס אויסגעזויפֿט,
און אונדזער אייגעמס טרוקן ליפּל באַפּט־היד־צו אין נאַכט

פֿון שאָלעכצער די לאַקריץ־טראָפּנס — איבער־בלײַבעניש

פֿון עמיצנס געזײג — — —

און ער, דער ס״ם, ימח שמו, דער אַלטער קאַוואַליר,
טײַפּט פֿאַלשע בשמים־ריחות אינם בין־השמשות ווינט.
און תאוה׳דיקע האָר־געריכן, ששושעט דורכן וואַלד
מיט אַ געוויש פֿון ווײַבער־קליידער: וו־וו־וו־וו..
און רויטלט אַלע רויזן רויטער אין די גערטן, ווינקט
כּישופֿדיק און לעכטיקער מיט שטערן־ערע־גלאַנץ..
און אין סאַמע מיטן וועג אין דופּטיקן טונקלקייט
שטעלט ער ס׳יצר־הרע׳דיקע פּיסל אונטער — צאַ!
און אונדזער איינער פֿאַלט און פֿאַלט אין שאול־תחתּית אַרײַן..

מיאוסעניש, עקליש אים, אים, אום — —
אין חלום, אין התבודדות, אין לויטערן נעזאַנג,
איז אויסגעגאַן די קראַפֿט פֿון װעלן בשרויען און פֿרום.
די קראַפֿט פֿון װעלן הײליגן און גלייבן אינם מענטש.

איך בין דערװאַכט. כ'האָב אויפגעהויבן מײַן באַטערטן קאָפּ
און אָפּגעשאָקלט אַלע ציטערדיגע טראָפּנס גיפט,
און כ'האָב פֿון נײַ אַראָפּגעװאָרפֿן ס'שבתדיגע זײַד.

כ'בין אָנגעטאָן אין אויסגעגרינטן שנאה־קלײַד, װאָס איז
מיט בישין־פּלימער־לאַך באַהאָנגען און מיט גלעקאַלאַך,
װאָס קלינגען־אויס די גאַסן־ליבע מיט סאַלאָנען־טאַקט..
און כ'זיץ אַ צאַרטער דאָרזשאַן בײַם רײַכנגעדעקטן טיש,
און איבער אַלע בעכערס הײב איך מײַנעם אונדערהויך,
אַ גרימיגן „לחיים!“ רוף איך, כ'טײַטש אין האַרץ: צום טויט!

דאַן קומט די מלכה לונאַ צו צום פֿענצטער פֿון סאַלאָן
און װאַרפֿט אויף מיר לבנה־פֿלעקן... כ'זעץ מיך צום קלאַװיר
און קלאַפּ אויף װײַסע בײנערקלאַװישן, אַ נאַקעטן קװאַלט
און נאָגט אויך, ביז כלות־הנפש... כ'גיס אַרײַן מײַן גיפט — —
און ס'שװימט אַרײַן צעהיישן מאַן־און־װײַב דאָס טונקלע ליד
און מאַכט אַזאַ צעװישנשטייד — — דאַן שטײ איך דערמילט אויף

און איבער די באַהײַבטע מאַנען װאַקס איך אויס און שטײ,
און קוק אַריבער װײַטע קעפּ; עס ציטערן בסוד
די הײבער װײַרע אין צאַפּלען נאָך מײַן האַנטס אַריק...

און אײנע נאָך דער אַנדערער פֿאַרפֿיר איך אין מײַן הויז
און בלאָז אַרײַן אין שטילע בלוטן אימרוה און דערװעק
דאָס דרימלענדיגע תאוה־היהלע און פֿרומער הויט,
און פֿינקען, װי רובינען פֿון אַ שׂרפֿה, גײען אויף — —

און אײנע נאָך דער אַנדערער פֿאַרשטויס איך פֿון מײַן שויס:
אַװעק! אַװעק! און שפּײַ אויף װײַטער טריט און װײַטער בלוט.
און כ'לאַך און לאַך. עס קאָרמשען זיך און שלײַכן אויסגענאַנט
די פֿרויען, װאָס כ'האָב גענומען ערשט געזאָגט: איר זענט מײַן װעלט.

און ס'לינגן צו די פים די אײדלע איסגעדאַרטע הענט,
וואָס האָבן זײער גאָלד געשפּרײט אין מײנע שוואַרצסטע נעכט — —

איך לעב און וואַקס! עס צעהרט מײן גײסט: דער ניצוין אלוה.
איך לאַך און לעסטער און פאַרשוועך דאָס הײליגסטע און שענד
דאָס נאַקעטע געהיטע לײב... איך לעב פון יענעמ'ס צער
און גלוסט צו הערן מעשה'לאַך פון מענטשן'ס
ווילדע פּײן — —
ס'איז גוט אַזוי... עס פאַלן־אוים די האָר, איך דאַר און קוואַר,
און שלאָפן שלאָף איך נישט בײנאַכט... עס ווידט אַזוי אין קאָפּ — —

שפּאַן איך שפּעטער אום און גאַס און פײף אַ גאַסן־ליד,
אַזוי מין אויפגעמונטערט און דערהויבן מיט'ן קאָפּ;
און גלאָץ קרום־אויגעוודיג אין אַלע אויגן פון אַרום,
און הער מיך אונטער מענטשן'ס רײד און וואַרף אַרײן אַ כי,
און ניב בלויז אײנמאָל אַ פּאַרצי אַ הויך מיט מײן ברעם..

איך טרינק פֿון מײַנע פֿרויען'ס פֿולע קוואַלן מאַרך און בלוט,
ווי הופֿן מיך דער הײליגער וואַמפּיר פֿון זײער צײַט.
און ס'קומען דאַן די אָפּרוהטעג פֿון מײַן באַזעטיגונג —
ישלים איך מײַנע טירן אָפּ, איך וויל זײ מער נישט זעהן.

און ס'ווײנען דאַן די פֿרויען מײַנע אין די טיפֿע נעכט,
עס פֿאַלן־אויס די לאַנגע האָר, וואָס האָבן מיך פֿאַרדעקט
און ס'קאָרטשען זיך די גופֿים אויף דער שוועל פֿון מײַן געמאַך
און בעטן, בעטן רחמים נאָך, און יעדן אויפֿדערנאַכט.

אָבער ס'שטײט דער הענגס־שטערן איבער מײַן געביט,
און אין מײַן שטוב איז דאָ אַ פֿרוי, וואָס וואַרט אויף מײַן באַגער;
און ס'זיצט די שוואַנגערדיגע תאוה צווישען אונדז און שפּילט...
די שטערן־נאַכט פֿאַלט צו, די לופֿט מיט בשמים'דיגע ווינד — —

זאָגט עמיצער אין מיר: רעד־אײַן דער פֿרוי: דו ביזט מײַן וועלט.
און ס'ציטערן די ליפּן מײַנע: ביזט מײַן גאַנצע וועלט!
און ס'עפֿנט אירע אָדערן די אָפּגענאַרטע פֿרוי —
איך נאָג און נאָג דאָס תמצית אויס און נאָר נישט זאָגט די פֿרוי.

כ'וויל רייסן די קרוין פון זונגאָט אַפּאָלאָ
און פּענטשען אין קוימען דעם הייליגן אָמאָר
און שפּייען זיי ביידע אין ד'אויגן — און פירן
די נאַקעטע ווענוס צום טיש פון דער תאוה!

אַך, זינדיגן וויל איך! כ'וויל בלימען צוטרעטן
און בעכערס קרישטאָלענע וואַרפן צום פעלזן!
אַך, שיכור'ן וויל איך! אַ נאַקעטער טאַנצן
אין ראָד פון צעזאָטענע ווייבער און וויין־הויז!

וואָס דען טויגן הענט, אַז נישט ברעכן און פליקן!
וואָס דען טויגן ליפּן, וואָס דאָרשטן און לעכצן!
כ'בין מיד שוין פון שטרעקן די אָרעמס צום הימל,
כ'בין מיד שוין פון שעפּטשען די תפלות צום הימל.

כ'האָב פיינט טאַטע־מאַמע!
איך האַס זייער תורה!
כ'האָב פיינט אַלע דיכטער'ס השתפכות־הגפּיש!
וואָס דען טויגן גלידער? וואָס דען קאָכן בלוטן?
וואָס דען טויגן קולות און ליידנשאַפט־קוויטשן?

אָבער מיט וואָסערער קראַפט זאָל איך רייסן
געפיהל־און־זכרונות־געוועב פון נשמה?
און וואָס־פאַר־אַ וועג קאָן מיך פירן צום ברונעם
וואו כ'זאָל מיט פאַרגעסן־געטראַנק מיך באַטרינקען?

עס ווייזט פון די ווינד אויס מעפיסטאָ די זאַפטן
און גיסט אין קרישטאָלענע בעכערס נאָר לאַקריץ — —
איך זיין אין עלעקטער...
איך פלאַטער: די מאַמע
און ווידענעס טיכל ביים ליכט־בענטשן, שבת. — —

אוי מאַמענקע, מאַמע, ווידט אינטערן ־שטערן
אַ תהו ובהו,
אַ תהו ובהו!
און ווער איז דאָס נאַקעטע לייב אויפן דיוואַן?

און וואָס איז אַזאַ מין געצאַצאַכין פון טאַצן?
און וואָס איז אַזאַ מין געזשומזשל פון סטרונעס? — —

איי מאַמעניקע, מאַמע,
אַ האַנט גלעט מיין שטערן —
די האַנט פונ'ם פּריידהויז — —
און דאָס איז דיין האַנט ניט!
איך גליווער און גליווער.
אַ ש נ יי איז געפאַלן
ביי מיר אין געמיט.
ס'שטייען ווערבעס געבויגן
און פינגאַלאַך קלאָגן אַזוי אין די צווייגן —
אַרום איז נאָך תמוז...
איך הער, ווי עס קלירן
די זילבערנע קאָסעס
און ס'לאַכן און זינגען
די שניטערקעס:
תמוז.
ווער תמוז? וואָס תמוז? וואָס זינגען זיי? מאַמע
און ווידענעס טיכל ביים ליכט־בענטשן, שבת — —

סורקאַ,

פּלאַקער, מח!
פּלאַקער. —
פּלאַקער,
קאָך דיר, בלוט,
אַ תאוה!

גאָלד מיט יעגדלאַך... בראַוואָ, פּרימאַדאָנאַ. פֿאַרן זינגען:
— — mundus vult decipi, ergo decipiatur
קעלנער! שנעל אַ הער צום מיט דעם זידיגן שאַמפּאַניער
שאַמפּיס האָט אַ מעלה: ס'איז דער ריח פֿון נירוואַנאַ...
און איך זע די פּנים'ער, די עקליגע, פֿון אַלטאָג —
ניין, אַזוי ווי כ'וויל זיי זעהן: איך זע זיי פֿוטוריסטיש.

ס'נודעט דאָס עלעקטער־ליכט. עס נודעט די קאַפּעליע.
ס'נודעט זיך דער גרויסער פּאַן, ווייל איבער גרין זיין וואַלד איז.
ס'נודעט זיך די מלכה וועגוס, ווייל עס ליגט צופוס איר
אַ מאָר אונם בלאָען העמדל, ווי אַ שטיין, און ציטערט;
בײַטלט־אויס חלומות: ווי און בענקעניש און שטימ...
און ער שנײַדט נישט אויף די פּילע אָרען פֿון ווענוס
און ער שרײַט נישט: היי! אַז ס'זאָלן ציטערן קרישטאָל־ווענט — —

ס'נודעט, נודעט: לידער־וואַסער, סענטימענטן־לאַקריץ...
גראַמען־שטראַמען: ליב און טריב, און האַרץ מיט שמאַרץ און בויסט־וואָס!
מיידל־קליידל, מלאך־גלח, זינד און בלינד און נאַכט־היינט — -
און עס עקלען אַלע קדשי־קדשים די בלאָע!
און עס עקלען אַלע תפילות טרען־ציטערדיגע!
און עס גרילצן אַלע הרשות וועגן מזל פּאַטוים!

גיט אונז... אַ... אַ נײַע וועלט... ס'איז נאָכאַמאָל בראשית!
ס'גייט אַ נײַער גאַליג־גרינער מעפיסטאָפל־דיכטער
און אַ ביטל ערשטלינג־בליטן פֿון דער תאוה טראָגט ער — —
די קאַפּעליע שפּילט פֿון וואונדער: פֿרילינג־צײַט און ווינטער,
און דער דיכטער זינגט זיך אונטער: mundus vult decipi — —
זאָג איך און מײַן גרויס התלהבות אָט די ריד און פּלאַקער —

(קײַ און שפּײַ! ואָגט עמיִן אינטער מיר זיך אָפּ – ביזט שיכּור!)
און דיאוינגן מײַנע בליצן היהיִש צו דער פּריי, זי ציטערט...
ציטער ניִשט, (איך זאָג איר; דו!) קום גײ מיט מיר, כיבין צעאוים!
האַלבע נאַכט װעל איך באַפֿעהלן; דוגערט, זיבן הימלען!
זאָל די אַלטע װעלט דערמאַנען זיך די ערשטע פֿרוי־נאַכט!

האָב איך נאָר אַרויסגעזאָגט בלויז: האַלבע נאַכט — און ס׳איז שוין.
צאָלן! — שרײַט דער קעלנער,
לעשט די לאָמפּן,
האַלבע נאַכט איז — —
טיף אין מײַן געמיט האָט זיך אַן ערה קאָן צעטאָמערט:
יאָמער — אמר
ר׳האָט געזאָגט
דער תנא:
ה א ל ב ע נ אַ כ ט
איז!
און כ׳שטײ און קריץ מיט מײַנע ציין:
—אַ היים?
—אַ היים!
אודאי! —
שאָקלט עמיץ טיף און מיר מיט אַ קיבּיטשיש קעפּל..
און עס ליגט מײַן לאַנגער שאָטן, איבער דעם בולוואַר שוין.

ווײַ מיר! איך אַליין בין דאָך דער אויסטערלישער פּלאָנטער
און עס קאָן מײַן נאַקעט לײַב פֿון פּלאָנטער נישט אַרויסגיין!
ווײַ מיר! איך אַליין האָב דאָך געוועבט דאָס ווילד געוועבעניך
פֿאַר די ווילדע טעג און נעכט פֿון האָראָוודהו ביז עקל,
און נאָך דעם שײַן פֿון נאָרודיך האָט דאָך מײַן האַרץ געצוינגן!
און כ'האָב אַליין געטריבן מײַנע שיפֿן צום פֿאַרפֿאַלן!

ווײַ מיר! כ'האָב מיט מײַנע הענט פֿאַרדאָרבן מײַנע פּרות
און געלאָזט אין מײַנע ווײַנשטאָק די שאַקאַלן לױפֿן
און פֿון מײַנע ווילבער־קוואַלן טרעמדע דאָרשטן שטילן!
הײַנט פֿאַרוואָס'שע קלאָג איך מיך אויף אומשולדיגע מענטשן
און שנאה־פֿונקען וועה איך זיי אין ד'אויגן, נישט דעם פּליטער
פּנים ליבשאַפֿט־טרויערליכט, וואָס לײַכט בײַ זיי אין נפֿש!!
ס'האָבן דאָך די צאַרטעסטע געשטרעקט די שמאָלע הענט מיר,
מיט דעם הייליג אָדערצוקן: קדושה און אהבה!
טרערן שטילע, טײַערע, אַזוי ווי די ברילאַנטן,
זענען דאָך פֿון מײַנעטוועגן שנירלווײַז געפֿלאָסן...
אָבער איך האָב נישט געלייגט מײַן קאָפּ אין טרײַע שויסן,
כ'האָב געוואָרפֿן בלאָטע־גרידעס אין די קלאָרסטע טײַכן!

ס'זענען אויפֿגעגאַנגען ווײַס צו מנחה־צײַט נאָט'ס הייזער.
און ס'האָט אַ ווינקל שטיל געוואַרט: מײַן גוף זאָל דאָרטן פֿאַלן
בעטנדיג דאָס לויטערע געבעט פֿון אַ מתבודד — —
און ערגיץ אין אַ וואַרעם שטיבל, רוה־פֿול און בטחון,
האָט געברענט אַ לעמפּל, ס'איז געזעסן פֿרום די מאַמע,
פֿאַר מײַן קלענסטן שוועסטערל געהאַקלט פֿיסן־זעקלאַך — —
(פֿרומע אויגן האָט דאָס קליינע שוועסטערל, און ס'הערצל
צאַפּלט נאָך דעם אָנבליק פֿונ'ם ווײַטן גרויסן ברודער...)

ווײַ מיר, ווײַ! אין איך וואו האָב געוואַנדערט דעמולט זינדיג?
ווענטענען האָב איך געזוכט אין אַלע שאַמפּוס־הײַזער
און געזאַפּט אַרײַן אין מיר די בשמים פֿון אַ זונה
גאַנצע נעכט אַזוי, ביז ס'האָט אַרײַנגעגניצט גיפֿטיג
אינם שיכור'דיגן שלאָף אַלטאָגיגער בהקיין — — —

אין די הענג־לייכטער׳ס ברענען די חלבינע ליכטלאך
אין הימעלדיג בלאָ איז די לופט אין בית־המדרש
עס וואַרטן די זקנים אויף צאת הכוכבים,
און פיל איז דאָס בלוט מיט די קלאַנגען פון מנחה — —
דער קלויסטער־גלאָק קלינגט און דער קלאַנג איז מעורר
עס קניען בלחש איצט היילינע מענטשן,
דער אָרגל טוט תפילה און בעט פאַר די מענטשן
ס׳געבעט פון די הערצער — —

אין וואָס־פאַר אַ היילינן הויז זאָל איך קומען
מתודה־זיין־זיך אויף די ווילדע חטאים,
וואָס ס׳האָבען באַנאַנגען די אברים מיינע
און איך — בין נישט שולדיג?

אין ד׳איינענע גלידער זיך איך נישט און קינינ,
נאָר ער, דער בעל־דבר, דער ס״ם, מעפיסטאָפל!
אָט וויל ער—באַפעהלט ער: הויישט ווילדער, איר בלוטן!
עס וואַקסען די צייטינע רופטינע עפל
אַראָפ פונם ליידנשאַפט־בוים, דעם געגלוסטן.
אָ זאָלן די הענט זיך דער־הייבן און רייסן
די צייטינע עפל,
די צייטינע עפל!

און וויל ער באַפעהלט ער: פאַ־לאָז זי די צניעה,
וואָס האָט דיר די כלה׳שאַפט־קוואַלן געעפנט,
און וויינט זי — כאַ־כאַ! ס׳וועט אַן אַנדערע קומען
און ס׳איבערגעבליבענע וואַסער אין ברונעם
וועט יענעם נעבינן,
וועט זיכער געבינן!
די תאוה׳גע נאַכט קומט!
די תאוה׳גע נאַכט קומט!
אָהאָ, ווי זי דופטעט!
אָהאָ ווי זי בלישטשעט!
אָלויב די הילטייעס און וואויל צו די ווייבער

אין הויז פֿון דער תאוה, וואו ס׳זינגען די ווײַגען!

טאָ גיי איך און טו; און לאחר המעשה —
זיצט ער, דער בעל־דבר, ביי מיר אין די בלוטן
און משפּט, און שרײַט: מאַך אַ חשבון־הנפש!
און אויב איך געדענק ניט,
און אויב איך געדענק נישט —
טאָ הייבט ער מיר קוקן
אין ספרי־זכרונות
וואָס ער האָט געשריבן.
(עס הייסט: ווײַטאַ איפּסאַ...)
דאָס כתב איז ווי מײַנס —
און איך לייען
און איך ציטער:
אַזוי און אַזוי איז געווען די מעשה — — -

און ס׳שטייען דאָרט בילדער פֿון מיר און פֿון פֿרויען:
אַזעלכע קוביסטישע אַקטן פֿון גלידער!
אַזעלכע באַוועגונגען,
ווילדע געשרייען!
די הענט און די פֿיס און דאָס מויל—זײַגען בײַנגע!

און כ׳שרײַ אין מײַן בלוט אַרײַן:
יאָ, כ׳האָב געטאָן דאָס!
געטאָן מיט די גלידער!
נאָר איך — בין נישט שולדיק...

פֿאַרשאָלטענע בענקשאַפֿט נאָך אַנדערע אָזונטן! —
װענען די איצטיגע אָזונטן׳ס הימלען
דען נישט אַזױ סאַמעטן װײַך פֿאַר די אױגן?
און פֿאַנגען דאָס האַרץ דען נישט הױזיגע כּשפֿים
פֿון הײַנט בין־השמשות, אַזױ װי פֿון נעכטן?

פֿאַרשאָלטענע װײ פֿון אַמאָליגע ליבעס!
פֿאַרשאָלטענע װיסקײט פֿון אַנדערע פֿרױען,
װאָס װײַערע פּנים׳ער שװימען פֿאַר ד׳אױגן,
װאָס װײַערע געזאַנג ציטערט אום אין זכרון! —

עס װענען נישטאָ דען קײן האַרציגע פֿרױען
מיט אױגן װי קאַרשן און אױגן װי הימלען,
װאָס זיצען און היטן פֿאַרשלאָסענע קװאַלן
און זינגען אַזױ מין מתיקות׳דיג אָזונט׳ס
און ליגן אַלײן אױף די װײַסע געלעגערס?

פֿאַרשאָלטענע שעה׳ען אין לױטערער תּפֿילה,
פֿון שטרעקן די הענט נאָך פֿאַרלוירענע זאַכן,
כּמעט ס׳שטײען נאָך אַלין ש״י עולמות פֿון צױבער
און דופּטיגע סאָדן מיט צײַטיגע פּירות!

און װער איז דער היב? ..
און װער איז מעכּב? —
מיך װײסען אַלײן נישט.
מיר הײבן: מען לאָזט נישט!
מיר הײבן: עס עקלט אַזױ אונדז דער הוה,
און ס׳ליגט אין אַ װאָרט נאָר, אַן אײנציגס, דער כּישוף —
דאָס װאָרט, װאָס איז הײליג אַיען: פֿאַרגאַנגען...

דער וועג איז געגאַנגען, די בריק איז געריסן.
עס ליגט פֿאַר די פֿיס מיר אַ שטייענדיק וואַסער,
אַטויפֿס און אָפּגרונטער,
איך קאָן נישט אַריבער...‛

אַ ווידער־קול ענטפֿערט אַרויס פֿונם הושך:

„דער וועג איז געגאַנגען,
די בריק איז געריסן,
אַ שטייענדיק וואַסער
דאָס איינענע לעבן,
דו ווערסט נישט אַריבער!

„און וואָס איז צו טון? און בײַ וועמענען פֿרעגן:
איז דאָ נאָך אַ רעטונג,
אַ וועג אויף צוריקגיין?
און וואָס איז צו טון מיט דער גליאיגער באַל
וואָס איך טראָג אויף די אַקסלען
און עלנדן אָפּזוגס?‛

עס ענטפֿערט דאָס ווידער־קול גאַלינג און גרויזאַם:

„איצט — קאָפּ אין דער וואַנט!
זיץ און וויג פּאַפּיראָסן,
און לאָז אַרײַן רויך אינם פֿינסטערן הדר..
און אויב האָסט קיין וואוינונג
און נישט קיין געלעגער —
טאָ שפּאַן אין די גאַסן
און לאָז זיך דיר דאַכטן:
אַ הונט אין די גאַסן,
אַ הונט אין די גאַסן...‛

„אָבער ס׳האַרץ איז דאָך האַרץ
און דער נעכטן געדענקט זיך!
בײַ וועמענען זאָל עס זיך לערנען פֿאַרגעסן
דעם איבער־געלאָזענעם אוצר און מרחק

און ס'מזל אהבה, וואָס שײַנט פֿון דערווײַטנס?״

און ס'ענטפֿערט דאָס ווידער־קול,
ענטפֿער'ט און חוזק'ט:

„פֿאַרגעסן? כאַ־כאַ!
ס'איז אַזוינס נישט פֿאַרהאַנען!
משמעות, מײַן בחור,
ביזט שלוהל־באַדער־פֿטינג,
און אָטעמען ווילט זיך — —
און וואָס איז דען יאוש?
און וואָס איז הרטה?
צווײַ קינדערלאַך וועסטו אין עלנד געבערן
און זיי וועלן הייסן: הרטה און יאוש.
און ס'האָרין וועט די וויג זײַן
פֿאַר ביידע,
פֿאַר ביידע — —

דערווײַל אָבער, בחור, האָפֿט נעגל — צוקראַץ דיך,
און ברום מיט די ליפּן
אַרײַן אינם הייטך — — —

נישטאָ קיין צוריקגיין;
די בריק איז געריסן.

כ'האָב מײַן בעטל געשטעלט אויף דער פּלױשענער שוועל
פֿאַרן שלאָפֿן־גײן־טויער.

האַלבּ־נאַקעטער זײַן איך, דעם קאָפּ אַ געבױגענעם
ביז צו די קניעס,
און קאַרטשע מיך, קאַרטשע מיך:
עפֿן דיך, טויער!

אָ אבֿות, אַ האַר פֿון מײַן ליידטאָג און אומרו,
לאָז זיין בײַנאַכט כאָטש דײַן קרבּן — מײַן קערפּער!

דער שלאָף איז אַ גוטער, אַ ווײכער, אַ טיפֿער.
די נאַכט איז אַ קילע, אַ לינדע, אַ שטילע,
און איבער דעם בראַנדיקן סנהדרינס צעניסט זיך
אַ רחמים'דיק בלאָקייט — —

אָ עפֿן דעם טויער!

עס ברענען אַזוי מײַנע וואונדן, מעפּיסטאָ!
עס ברענען די צייכנס פֿון דײַנע גלי־ריטער!
און וואָס וועט דיר שאָדן אַ פּלאָנטניק וועט שלאָפֿן,
אַ פּאָר שעה נישט וויסן וואָס ס'איז אַזוינס לעבן,
אַ פּאָר שעה נישט גרוילן!!

אומזיסט איז מײַן תּפֿילה,
דער האַר איז אַ טויבער...
מעפּיסטאָ אַ טויבער!

האַלבּ־נאַקעטער זײַן איך, דעם קאָפּ אַ געבױגענעם
ביז צו די קניעס.

מײַן בעט איז געשטעלט אויף דער פּלױשענער שוועל
פֿאַרן שלאָפֿן־גײן טויער...

די נאַכט איז אַ קילע, אַ ווייכע, אַ גוטע,
מעפּיסטאָ — אַ טויבער — —

אזויוי ס'האָט דער קלויסטער־גלאָק נאָר אָפּגעקלינגלט גלין
און ס'קליינע בלאָטיג שײַנעצל האָט נאָכגעלאָזט דעם שטריק,
האָט צוגעדריקט די תּאוה'דיגע שוואַרצע נאַכט איר בויך
צו ציטערדיגע ביימער־שפּיצן און געלאָזט זיך קיצלען:
אַ — אַאַ... ס'איז גוט אַזוי, האָט זי זיך איינגעהוידעט,
לויט דעם ביימער־שאָקלען.

און ס'האָט דער בייזער פריץ מעפּיסטאָפּל אָפּגעבונדן
זיינע קודלעוואַטע הינט פון אַלע דושאַווער־קייטן
און האָט צו זיי באַפוילן: לויפט און הויקעט אין דער וועלט אום,
ס'ווילן מענטשן שלאָפן!

לויפן זיי און הויקען. ס'זעצט אַ שוים, די אויגן בליצן,
לויפן זיי און הויקען, און זיי זוכן מיך אין חושך — —

לויפן זיי... איך ליג אויף מיין געלעגער איינגעשרומפן,
ס'ציטערן די קנאָכנס. ווייסע הינט־ציין ווילן גריזשען
ס'בינטל ביינער מיינס אין חושך — —

זיצט דער פּריץ מעפּיסטאָפּל ביי זיין ביינערדינן נאַכט־טיש,
רייכערט גראָבע פּאַפּיראָסן,
ס'שטייט אַ טויטן־קאָפּ פול בוימל מיט אַ ברענענדיגן קנויט
אינמיטן נאַכט־טיש:

ס'איז דער וואַך־לאָמפּ פונ'ם פּהד.
ס'שלאָפט נישט קיינמאָל מעפּיסטאָפּל!

פֿון מיין רעפֿלעקטאָר־דמיון שיק איך בליציג און פֿאַרציטערט
וועריטער־שטראַלן דריי אין חושך: ע ד ג אַ ר — אַ ל אַ ן — פ אָ...

ס'איז האַלבע נאַכט;
און ס'טראָגן מיינע בליצן־ווערטער אָדלער־בליקן ווייטע
איבער דעם אָקעאַנוס קיין אַמעריקע:

דו גרויסער

גרויל־דיכטער, אַפּאָס־עסער, הייליגער באַרוישטער,
גייער מיט דעם פּחד־לאָמפּ אין הייהלן און פּאַלייען!
ס'רופֿט דיך האַלבע נאַכט אַ יודיש קינד, דיין שרעקן־ברודער:
כ'ליג געשטעקט מיט אָרען געפֿענטע אין חשבֿות,
אָנגעזאַפּט מיט שטן־גאַל און מעפֿיסטאָפֿל־עלנט
און וואַרט אויף אַ התגלות פֿונם פּחד אין־דער־פֿינסטער...

אָ פּחד, פּחד! פּחד־ציטער־ווערטער דריי געצוונגן:

עדגאַר — אַלאַן — פּאָ!

קומען זיי, די ווינטן פֿון אַמעריקע... ס'איז פֿאַרכטיג
פּלוצים אין מיין שטוב, ווי אין אַ היכל —— קדוש! קדוש!
ס'קומט אַ שרעקיג הלום־ליכט, אַרעגנבויגן־פֿאַרבנס,
און עס רעדט אַרויס דאַפֿון די טויטע כלה מיינע:
(כ'האָב אין ע ר ש ט ן גלגול ליבע זי געטייט פֿאַר קנאה...)
„איך די כלה, דיין געטייטע כ־ל־ה, בין געקומען ——
ציטער איך פֿאַרגלייזנדיג די אויגן און איך מורמל:
פֿירן דיר, אחותי כלה, היינט ביזטו דאָך הייליג —
הייליג ווי דער ספּיר־שטיין צופֿיסנס פֿון יהוה...
יענע וועלט איז בלאָ און לויטער, רואיג איז מיין האַרץ איצט:
ס'זענען דאָך אין לאַנד פֿון טויט נישטאָ קיין ליבע־שפּילער ——
ציטערט ס'שרעקיג הלום־ליכט און ס'רעדט די טויטע כלה:
„יענע וועלט איז גלייך ווי די וועלט: ס'שטעלן מאַן־און־ווייב זיך,
און עס בליט דער תאווה'דיגער עפּל־בוים דאָרט אויך־עט
און אַ שאַ־לאַך־רויטער טאָגע גייט־אַרום מע־פֿיס־טאָ,
שאָקלט בעז פֿון אַלע צווייגן איבער אַלע וועגן ——
איך, למשל פֿאַר פֿאַרנאַכט־צייט, אויף אַ זילבער שיפֿל

בײַ די בּרעֶנעֶס פֿון װ ע נ ע ד י ג. כ׳שפּיל אױף אַ גי—טאַ—רע,
בּיז עס קומט דער איטאַליענער מײַנער אױף אַ גאָנדל — —
ס׳שטײט מײַן הױז בּײַם ים־בּרעג מיט די מערמל־טרעפּ צום װאַסער,
דאָרטן זיץ איך בּלאָע נעכט אָפּ מיט אַן אי-טאַל־יע־נער — —

שרײַ איך: װײ! אױף,
שװײַג און ציטער,
זאָגט די טױטע כלה:

„כ׳האָבּ גענגבע׳עט אַ קינזשאַל בּײַם חתן און געשאַ־פּט אים.

ררר...
עס צוקט אין מײַנע קאַלטע הענט דײַן האַלדז. ס׳איז פינסטער...
בּלוט איז זיסער, שיכּור׳דיגער פֿון װענעדיגס װײַנען!" — —

וואָס מעהר איך נידער אין־דער־נידער מיט דעם רויטן פֿאָרישער־לעמפּל
אין די גרובנס פֿון נשמה,
טיפֿער טיפֿער ווערד די טיפֿקייט און איך גיי אין גאַנג פֿאַרלוירן,

ביי די פֿינסטערע אַראָפּ־גענג
ליג איך נאַכט־צייט,
ליג איך מיד שוין,
און דאָס פֿאָרשער־לעמפּל גוס'עט...

וויי מיר, וויי מיר!
ווער איז דער, וואָס האָט געהייסן: איך זאָל מיידן יעדן זון־וועג
און די אָפֿענע שפּאַציר־גענג, וואו אַ בוים בליט און אַ גלאָק קלינגט?

וואָס איז דאָס אַזוינס: נשמה, וועלכע צייט איך זאָל איר נאָכגיין,
ס'מעג אַ זומפּ זיין,
צי אַ פֿייער,
ס'מעג אַ מיילן־טיפֿע הייהל זיין?

ווער איז דער, וואָס האָט געהייסן: איך זאָל גרוילן, נרוילן, לעכצן,
און דערגרינטעוועץ תהומות, וואו, עס הייסט, די פּערל וואַקסן?

וויי מיר, וויי מיר!
ס'גייען יאָרן — —
און די וואָרצלען פֿון די האָר זיי טוען שמאַרצן אַלע מאָרגן
ביז שגעון!

און ווי קאָנען איידלע אַקסלען אַלע טעג און נעכט דערטראָגן
די דערלעבענישן־משא?

וויי מיר, וויי מיר!
מעפֿיסטאָפֿל!!
יאָרן גייען, ווייסטע יאָרן — —
און אויף מיינע קניעס שפּילן זיך נישט הן'עוודיגע קינדער,
נאָר מיין האַרטן קאָפּ פֿאַרוויג איך!

און פֿון מיינע שענקלען וויינען נישט־געפֿרוכפּערטע געשטאַלטן,
מיינע שלאַפֿע אָרעמס קלאָגן!

מעפֿיסטאָפֿל!!

דער גאָרטן מײַנער איז געשטאַנען דאַן אין פֿולן בלי,
די חלום־בײמער האָבן מיך פֿאַרשמעקט מיט זײער בעז,
און ס'איז געשטאַנען איבער מײַן געמאַך די גאַנצע נאַכט
דער נוגה־שטערן, שײַנענדיג צו מיר;

אַלע מײַנע כּלים זענען פֿול געװען מיט װײַן.
עס איז דאָס שענסטע װײַב געזעסן שטיל צו מײַנע פֿיס
און האָט געװאַרט, כ'זאָל עפֿענען די ליפּן אין דער נאַכט;

האָט זיך אַזאַ געדאַנקען־פֿעדימל געװעבט אין קאָפּ:
די װעלט האָט װײַטע װעגן, װײַטע אוצרות פֿון גוטס,
די װעלט האָט קװאַלן זיסקײטן אַ סך,
און ס'מוז אַ מענטש די װעגן גײן און זעהן
און טרינקען פֿון די אַלע קװאַלן זיס.

איך בין געגאַן — —

און יאָרן, יאָרן זענען שױן אַװעק. איך װײס נישט װאו.
דער גאָרטן מײַנער, אָהן דעם גערטנער, איז געװאָרן װיסט;
און איך אַלײן בין דער, װאָס װערד מגולגל אין אַ פּיקס
אַ יעדע נאַכט,
און כּלויף פֿון בײט צו בײט און קלאָג און קלאָג — —

און איך אַלײן בין דער, װאָס זוך די ערשטע טרײַע שױס,
װאו ס'האָט גערוהט מײַן קאָפּ.

און כ'זיץ אמאָל אויף מײַן געלעגער שטאַר דורך מײַנע נעכט
און כ'זעה מײַן נאַקעט לײַב:
אַ דאָס בין איך, דער נע־ונד'ניק. װאַ!
און די־אָ זענען מײַנע הענט און פֿיס,
אַ דער־אָ קאָפּ
איז מײַן,
אַ דער־אָ — —
װאַ;

עפּל פּרשת דרכים שטייט מײַן קנאָכנדיק געביי,
אַן אויפגעריסן היכל אָהן אַ דאַך,
און אינעווייניג זיצט מײַן ברוגז איך:
אַן אויסגעדאַרט קוביסטיש גלידערדינס,
מיט אויסגעשפּיצטע אויגן פון אַ האָק,
וואָס קוקן דורכן רײַטנדינן גלאָז,
מיט גאָלד אַרום:
אַזאַ מין ברילּ...
און שפּינוועבסן און קנוילן ליגן גראָ,
און ביכער־קופּעס שטויביגע אַרום,
און צוויי אַזעלכע דאַרע שמאָלע הענט
נישטערן אין גראָבע ביכער בלינד.
אַ יאָר־צײַט־לעמפּל ברענט...
און אויבן גייט די אַלטע זון אין בלאָ,
און ס'ציטערן די שטערן אַלע נאַכט — —

ס'קאָן זײַן: אַ זיסע יונגפרוי זיצט און זינגט,
און רופט מיך מיט אַ כלה־ניגון: קום!
ס'איז גרייט דאָס ווײַסע חופּה־בעט פאַר דיר,
און איך האָב מײַנע האָר געזאַלבט מיט מור...
און דו ביזט יונג!

ס'קאָן זײַן מײַן מאַמעס אויגן טריפן שטיל
עס רופט איר האַרץ בדמיון מיך: מײַן קינד!
צוואָס די גאַנצע חקירה אין דער וועלט,
ביזט מיד און קוואַר!
דו דאַרפסט אַ היים, אַ טרײַע פרוי, אַ קינד,
און זיסע רוה!

און ס'פאַלט מײַן קאָפּ אַראָפּ אויף מײַנע קני.
אַ שווערע לאַסט,
איך ציטער: יאָ...
און כ'קאָן נישט מעהר אַרויס פון מײַן געביי.

און עס טרעפֿט זיך אַמאָל אַז איך רײַס אויף אַ טיר
פֿון מײַן אײַנזאַמער װעלט, און איך שטרעק מײַנע הענט
צו דעם האַר פֿון כאַאָס,
מײַנע שמאָלע הענט...

און איך גײ, װי אַ בלינדער געפֿירט פֿון אַ האַנט,
מיט אַ צאַפּלדיג לײַב און די ליפּן פֿאַרברענט
און מיט רױש אינם קאָפּ.

און איך פֿרעג נישט: װאו? װאוהין? נאָר איך גײ,
װי אַ בלינדער גײט,
אין דער װײַטער װעלט,
און דאָס האַרץ קלאַפּט:
בו—ך, בו—ך...

און אַז ס'נידערט די זון, איז דער קאָפּ הײס
און עס פֿלאַקערט אין אים דאָס התבודדות־ליכט,
װי אַ גאַסן־לאָמפּ
אין אַ טױטער שטאָט...

און דאָס אױג זעהט,
דאָס אױג זעהט,
װי פֿאַרלױרן איך בין.

טעג און נעכט און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע אָהן אַ סוף!
עס ציִען אַהער פֿרילינגען און זומערן און װינטערס — —

און דו ביזט מיד די לאַסט פֿון דיזער װעפּליבקײט צו טראָגן
און אין דײַן בױעס הײסע קװאַלן טרערן צו פֿאַרבערגן
טעג און נעכט.

אָ, דײַנע טעג די מײַלן־װײַטע גראָע שטײַנער־סטעפּעס
לעבצן נאָך אַ קילן װינט און נאָך אַ טראָפּן רעגן!
אָ, דײַנע שעה'ען שטאַרבן דאָך דערװאָרגן אָהן אַן אָטעם!
אָ, דײַנע נעכט, די שלאַנגען־שװאַנערדיגע װאָלקן־בײַבער,
און דײַנע טרױער־אָנגעזאַפּטע שעה'ען'ס הײליגקײטן!
װער קאָן דערצײלן דײַנע לעבן'ס װעלט־פֿאַרלױרנקײטן
ליגנדיג, אַ הײסער גוף, אין השכּבות פֿון דער נאַכט:

עס טרױערן פֿאַרפֿינסטערט דײַנע האָר אױף װײַער סאַמעט,
זײ קאָנען נישט מײַן קאָפּ פֿאַרדעקן אין די האַלבע נעכט...
און פֿינסטער איז בײַ דיר אין הױז און רואיג,
עס איז נישטאָ קײן גריל װאָס לאָזט נישט שלאָפֿן.
אַ װײַך געלעגנער האָסט. װײַסע קישנס,
אין אױװן גליִען פֿײַערלאַך און אין דעם װײַכן פֿאָרהאַנג
לױערן די דרימלענדיגע פֿליגן — —
נאָר עס שטײט צו דײַן צוקאָפּנס נישט די גוטע שכינה
פֿונ'ם שלאָף;
עס קלינגען אַלע גלאָקן פֿון דער װעלט אין דײַנע אױערן,
און דו מוזט הערן גאַנצע נעכט דאָס שנאָרכן פֿון אַ חיה...
זיצט אין דיר די ברענענדיגע דאָרשטקײט פֿון בהקין,
ציִענדיג דורך דײַנע גלידער הײסע פֿײַער־דראָטן...
און דו מוזט אַלע האַלבע נאַכט אין פֿינסטערניש אַראָפּגײן
אױף די שפּיצן פֿינגער, אינ'ם נאַכט־העמד,
טרינקען פֿונ'ם קאַלטן נאַכט־קרוג װאַסער — —

בײַ מיר אין שטוב איז קאַלט דאָס אַש אין אױװן.
ס'רױשן אַלע װאַסערן פֿון גאָר דער װעלט אין קאָפּ.
און כ'הער מיך צו, װי װײַסע װענט דערצײלן:

„נאַכט איז. זונות גייען אום און נע־ונד׳נע גאַס־הינט..
אויסער אין די לויפֿנדיגע באַהנען און אין שיפֿן —
שלאָפֿן אַלע מענטשן — — דו מוזט ליגן!
און ביז עלות־השחר ברענט דאָס ליכט פֿאַר מיין נעלענער,
און אויף דער בריק ליגט אָנגעלייגט אַ טונקלער הויפֿן ביכער — :
ליין איך, ליין איך.. אויסדריק זיך איך פֿאַר די טויזנט קולות
פֿון מיין לעבן;
אַ באַשייד — מעג גרויזאַם זיין — פֿאַר מיינע רעטעניש
און פֿאַר די נישט־געשטאַלטיגטע דערלעבענישן מיינע,
וואָס פֿליען דעסהאַרמאָניש אין זכרון,
זוך איך ראַמען — —

אויפֿן בענקל זילבערט מאַט די פּאַפּיראָסן־פּושקע,
פֿון מיין טאַטן׳ס טאַטן בירושה; —
רייכער איך און רייכער... אין עס פֿאַלן איין די באַקן,
און שמאָלער ווערן מיינע פֿינגער,
צוקנדיג די שלעפֿן...
ביז דאָס גראָע טאָג־מויל געניצט: וואַ! דורך מיינע פֿענצטער,
און ס׳שטעלט דאָס בינטל ביינער מיינס זיך אויף די פֿיס און טראָגט זיך
גוטסקייט־פֿול
און עקל־פֿול —
צו מענטשן...
גיין אויף אַלע וועגן,
זעהן און זוכן:
דיך — צי עפּיס אַנדערש,
עסן,
רעדן...
און פֿאַרדעווען דעם סודות׳דיגן צורעק פֿון מיין לעבן:
פֿאַלדן,
קנייטשן — —
און ראַנגלען זיך מיט עמיצן, וואָס לאָזט מיך נישט דערלעבן

װאַקס, בוים מײַנער, װאַקס אין דער אײביגקײט'ס צײַטן,
ס'איז פּלאַין נאָך פֿאַרהאַן פֿאַר די װאָרצלען און צװײַגן,
לאָז פֿרילינגן גרינען, לאָז זומערן גאָלדן,
נעכט — זילבערן, שװאַרצן, און װינטן זיך שפּילן...
איך בוי מיר אַ נעסט אין געפּלעכט פֿון די צװײַגן,
און זינג דיר דאָס ליד מײַנס אַרױס פֿון די צװײַגען —
און דו מוזט עס הערן,
און דו מוזט עס הערן...
אַזױ זאָגט מײַן גורל.
אַזױ זאָגט מײַן גורל.

גײ, גײסט מײַנער, גײ אױף די אָפֿענע װעגן
און בעטל בײַ מענטשן אַ טרער און אַ האַנט־דרוק,
װען זײערע גופֿים טוט טרײַבן די טאָג־בײַטש;
און אָװנט־צײַט גנב'ע דאָס ליכט פֿון די שױבן
די װײכקײט פֿון פֿאָרהענג; און קום אין די שטיבער
און שטעל דיך צוקאָפּנס פֿון פּרױען, װאָס קושן
די גאַלינגע ליפּן פֿון מענער פֿאַרהאַסטע — —
הער־צו, װי עס גרױלן די טײַערסטע גופֿים.
און דו מוזט עס װיסן,
און דו מוזט עס װיסן..
אַזױ זאָגט מײַן גורל
אַזױ זאָגט מײַן גורל.

פֿאָר, שיף מײַנע, פֿאָר אױפֿ'ן הױכן אוקינוס
נאָך װינטן'ס באַפֿעהלן און װאַסערן'ס קולות,
און נאָכן געשרײַ פֿון די פֿליענדע מעװעס;
און הער־אױס די רייד פֿונם פֿינסטערן ים־האַרין,
װען פֿיש שטײַען אױף פֿון תהומות צו טאַנצן;
און הער־אױס די בלאָע געזאַנגען פֿון װאַסער
װען שטערן־, לבנה־שײַן שלײערט זיך הײליג
און פֿאַלט אױף די טונקעלסטע פֿאַלדן פֿון כװאַליעס —
און דו מוזט עס פֿילן,
און דו מוזט עס פֿילן...

אַזוי זאָגט מײַן גורל.
אַזוי זאָגט מײַן גורל.

שלעפּ, גוף מײַנער, שלעפּ יענעם בלײַערנעם וואָגן:
ט אָ ג ט ע ג ל י כ ק ײַ ט... צאַפּל צו קומען צום ים־ברעג,
וואו דו וועסט דעם וואָגן אין ים אַרײַן קערן
און שטײן בלײַבן, קוקן צום אויפֿגאַנג פֿון שטערן
אין ווײַטע, פֿאַרלוירענע, טיף־בלאָע הימלען,
און זינקען צו דר׳ערד און די אויגן פֿאַרמאַכן
און קילע פֿאַרנאַכטקײַט וועט קושן דײַן שטערן...

אַזוי זאָגט מײַן גורל.
אַזוי זאָגט מײַן גורל.

איבער דער נירוואַנאַ הענגט די שוואַנגערדיגע נאַכט
מיט טויטע ליכטער.
און אין שטייענדיגן וואַסער שטעקן שיפן, שטעקן גופים
קעפּ אַראָפּ און פיס אַרויף.

אָבער אויפן ברעג וואָס ליגט אויף דער זייט צו, צום טאָג
שטייט אַ בוים צעשויבערט, אין מיטינגע,
ווינגט זיין קאָפּ,
און וויל אַריבער צו דער נאַכט און קאָן נישט.

ברענט די זון,
די צווייגן וועגען אויסגעצויגנט פון וואַפּט.
עס וויל דער בוים נישט וואַקסן צו דער זון,
ווייל ס'ליגן זיינע פירות שוין אין אָפּגרונט
פון נירוואַנאַ...

אָבער אין די צווייגן זיצט אַזוינס,
וואָס שרייט: איך וויל!

דער בוים איז בוים.
עס ברענט די זון.

און ווי איז אונדז, ווי, ווען סע קומט א ו נ ד ז ע ר אָוונט
אין ס׳ליגט צו די פֿיס אונדז אַ קלאָנגדיג וואַסער,
און א ו נ ד ז ע ר לבנה גייט־אויף אויפֿן הימל
צו לייַכטן אַ רגע, אַז זעהן זאָלן ד׳אויגן,
ווי ס׳שווימט פֿונם ברעג צו דער ווייַטער גירוואַנאַ
די מאַכטיגע שיף מיט דער שילד: ו ו י ט אַ א י פ ס אַ.
און אין די קאַיוטעס איז דאָ א ו נ ד ז ע ר שלל:
די זומערנס גאָלד און די ווינטערס זילבער;
און ס׳ליגן געפֿענטעט די זילבערנע טויבן
מיט אונדזערע בלאָע כלי־ניגון׳ס פֿון ליבע — — —

און אויף דעם פֿאַרדעק פֿון דער שיף: ו ו י ט אַ א י פ ס אַ,
שטייט יענער פֿ אַ ר ה ו י ל ע נ ע ר גזלן — דער הוזק
און פֿלאַטערט צו אונדז מיט אַ פֿינסטערער שמאַטע:
אַדיע! — און נישטאָ מעהר... און וואָס איז צו טון דאָ?
ס׳ליגט טויט אין אַ וואָלק אונדזער קינד — די לבנה,
דאָס קינד פֿון דער עלטער — — עס טונקלען די בלוטן;
מיר ביינן די קעפּ שווער אַראָפּ אויף די קניעס
און הערן דאָס שרייַען פֿון ים־פֿייגל ווייַטע
און וואַסערנס שוימען.

מ'איז דאָ אַ שעה, אַן אויסטעטליש־דערלעבעניש־שווערע,
אַז יעדער פֿון אונדז מענטשן וויל געשטאַלטיגן געפֿילן
און אַ פֿעלזן־וועלטן־אויסדרוק די דערלעבענישן געבן,
און אַ ראַם פֿאַר טעג און נעכט און פֿאַר געטײַלטע שטיקער לעבנס,
און אַ קײַט צוזאַמענציִען אַלע קולות פֿון די בלוטן
און מען וויל אין טיפֿע תהומות פֿון פֿאַר־פֿאַלונג זען און קוקן,
און מען וויל דעם וואָרן פּתרון פֿינם שרעקן־חלום אָנזען,
און מען וויל דערזען מיט ד'אויגן אַ געשטאַלטיגס: יענעם עמיץ,
וואָס דערלאָזט נישט זיך דערלעבן
דאָס געחלומ'טע דורך יאָרן,
דאָס געזוכטע אין די וועלטן,
דאָס געבעטענע בײַם הימל — — —

שטײַט מען אין אַ ווינקל ביחידות און מען בעט זיך:
דו, וואָס ביזט דער פּלאָנטער פֿון די טרעפֿונגען דעם מענטשן'ס,
דו, וואָס ביזט דער פּורים־שפּילער פֿאַר די פּאַטומס בלינדע אויגן,
דו, וואָס ביזט דער גיסער פֿונם גיפֿט אין אַלע בעכערס,
דו, וואָס ביזט דער קלעזמער פֿאַר די טישן פֿון דער תאווה,
דו, וואָס ביזט די ציִ־קראַפֿט פֿון די נאַקעטע הלילה'ס,
דו, וואָס ביזט דאָס איה־וואָרט: גאָט אין דמיון פֿון אַ צדיק,
דו, וואָס ביזט דער זילבער־ברעג פֿאַר ווײַטע חלום־גייערס —
דו, באַווײַז דײַן פּנים! איך וויל קוקן אינ'ם פּחד
פֿון די דורות, און וויל קוקן אינ'ם פּלאָנטער פֿון מײַן לעבן...
אָן אויב שטאַרבן מוז דער מענטש וואָס זעט דײַן פּנים, דײַנע אויגן —
וויל איך שטאַרבן מיט דעם נאָמען פֿונ'ם וועלט־גורל אויף די ליפּן,
אָבער זען וויל איך ס'געשטאַלט פֿון מײַן דערשראָקן שטיקער־לעבן
און דאָס פּנים פֿונם ווילדן נעצן־וועבער פֿון מײַן פּאַטום!

שטײַט אין ווינקל זיך דער מענטש, אַזאַ מין גאָר־נישטל, אַקעגן
דעם קאָלאָס פֿון אַלע גורל'ס שרעק־דערלעבעניש: מעפֿיסטאָ.
און עס ציטערט ס'ביִנטל בײַנער און די בלוטן לויפֿן גרויליג,
ווי די שטורעמען איידער נאַכט קומט... און אַ בת־קול פֿונם פּחד
רעדט אַרויס פֿון דעם מתבודד,
פֿון די אייגענע געפֿילן:

ווּאַזוי זאָלסטו מיך זעהן דען? — כ'האָב קיין פּנים נישט קיין אייגנס.
כ'בין אַזוי ווי די געשטאַלט פון דעם, אין וועלכן כ'בין געצייגן.
כ'בין אַזוי ווי די חלקים פון דער טרעפונג ביי דעם מענטשן.
כ'בין מיליאָנענדיג געשטאַלטיג, ווי די צאָל פון אַלע זאַכן.
כ'בין אַ דומם און אַ מדבר. כ'בין דער אָטעם פון די סבות.
כ'בין די בלי־בלום פון דער ליבע, די גראָטעסק־געשטאַלט פון יאוש.
כ'בין דער זאָט פון אַלע כחות און די פיסט־קראַפט פון אומגליק...
כ'בין דער בכור פון די געדאַנקען, דאָס קאָשמאַר־קינד פון דמיון.
כ'בין דער גרויל אין חוט־השדרה'ס, כ'בין דער סיפּילים אין גומען.
כ'בין די נאָדל: רעוומאַטיזמוס, און די קנאָבנדיגע זקנים
און דאָס אויער, וואָס פאַרנעמט דעם צוק פון הענט און פיס אויף בעטן.
און איך לאַך מיט פרעמדע ליפּן,
קנייטש מיט שטערנס,
מאַך גרימאַסעס;
און איך וויין מיט פרעמדע אויגן,
און איך שלאָג מיט פרעמדע בייטשן
אין די ווייטע וועלטן: לעבן,
אַז די גופים זאָלן לויפן...

איך בין אַלץ, און אומעטום! איך ליג אַ שטרויכלינג אויף די וועגן,
איך בין די שלאַנג, וואָס קומט בשתיקה צו דער קאַלטער קופּע שטיינער,
וואו אַ שלאָפער נע־ונד־ניק רוהט זיין אָפּגעפּלאָגטען גוף אויס
און איך זינג פון סאַמע מה די זכרונות מיטן מאַרך אים...
און אויך דו — — — —
די גלאָקן קלינגען... לאַמפּן ברענען אין די גאַסן,
און די וועלטן'ס תאוה־ביימער ששושען איבער אַלע מענטשן,
און עס שווימען איבער שטרומען קליינע לאָדקעס, און עס שפּילן
די גיטאַרעס איבער וואַסער — — און עס זינגען אַלע מאַמעס
נאָך די בתולה'דיגע לידער, ווי אַמאָל, אַזוי מין גלוסטיג,
און עס זענען זיירע האָר אַזוי מין לאַנג נאָך, ווייך און דופטיג,
אַז זיי קאָנען דיך אומגאַנצן איבערדעקן — — —
גיי און זוך זיי — —

ס'האָט אַזוי געזאָגט מעפיסטאָ...

MEFISTO
POEMAT
NAPISAŁ
URI CWI GRINBERG

WYDAWNICTWO
„DOS BUCH" LWÓW.
Z DRUKARNI „PRACA"
LWÓW, BERNSTEINA 17.